בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

444

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וֶועלְכֶע סָארְט טֶעלֶעפָאן זָאל אִיךְ קוֹיפְן?........א

הָאט "עֶי אַיי" רִיכְטִיג אָפְּגֶעשַׁאצְט מַיין מַצָב?........ב

אַ בְּרָכָה פַארְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר?........ה

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

בְּלָאז אַרַיין אַ חַיוּת אִין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ........א

וָואס וֶועט אִיר טוּן וֶוען זַיינֶע נֶערְוֶועז וֶועלְן זִיךְ צֶעַרייסְן?........א

מִיטְהַאלְטְן אִינְפָארְמַאצְיֶע פוּן שְׁטֶעטְל, אָן קַיין טֶעקְסְט........ב

רֶעדְט שֵׁיין אוּן וֵוייךְ, אָבֶער פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט אִידִישְׁקֵייט........ג

דֶער רֶבִּי מַאכְט לִיכְטִיג אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער........ד

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן עֶפֶּעס גָאר פְּרִיוַואט........ד

גוּטֶע מְלַמְדִים אוּן גוּטֶע טִיטְשֶׁערְס אִין אוּנְזֶער מוֹסָד........ה

הֶעלְפְן מִיט דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין........ו

דִי טְרוּקֶענֶע תְּפִלוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל........ז

אָפְּשְׁרַייבְּן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף אַ גְרִינְגְן וֶועג........ז

אִיר רְפוּאָה אִיז נָאר אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין שִׂמְחָה........ח

נִישְׁטָא קַיין עֵצָה, נָאר צוּ גֵיין קָאפּ אִין וַואנְט........ט

דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר........ט

אַרַיינְגֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן פַאר שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים........י

טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן, אָבֶער נִישְׁט מִיט עַצְבוּת........יא

נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טְרֶענְסְפָּארְטֶעיְשְׁן פַאר דִי וָואס צָאלְן נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד........יב

פַארְוָואס שְׁטֶעכְסְטוּ מִיךְ?........יג

מְקַרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן, אָבֶער נָאר מִיט דִי תּוֹרָה ..................... יד

אֵיין זַאךְ בְּלַייבְּט אִיבֶּער מִיטְן מֶענְטְשׁ, דִי מוֹיל ..................... טו

שְׁטַארְק זִיךְ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ ..................... יז

רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין מִיט גְרוֹיסֶע רְוָוחִים ..................... יח

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן דָאס יָאר בַּיים קָאמְפֵּיין ..................... יח

פַארְוָואס נִישְׁט הֶעלְפְן אֵיינְמָאל אַ יָאר בַּיים קָאמְפֵּיין? ..................... יט

אִין הִימְל אִיז חָשׁוּב וֶוער עֶס דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה ..................... כ

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, בֶּעט פוּן יֶעדְן צְדָקָה פַארְן קָאמְפֵּיין ..................... כא

אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת דָאךְ אִיז דִי לִיבְּשַׁאפְט שְׁטַארְק ..................... כא

גֵיין נָאךְ גֶעלְט, הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָה ..................... כב

מֶען מוּז בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער ..................... כג

גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז מֶער חָשׁוּב ווִי גֶעבְּן פוּן אֵייגֶענֶע ..................... כד

פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קָאמְפֵּיינְט פַארְיָאר? ..................... כה

אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר בְּרֶסְלֶב ..................... כה

חֲתוּנָה מַאכְט דִי קִינְדֶער אָן כַאפְּן הַארְץ אַטַאקֶעס ..................... כו

וָואס דַארְפְסְטוּ אַן אָפִּיס אָן בְּרָכוֹת? ..................... כז

זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן צוּ קָאמְפֵּיינֶען פַאר דִי קְהִילָה אוּן מוֹסְדוֹת ..................... כח

עוֹדֵךְ אַ קָאמְפֵּיין ..................... כח

קָאמְפֵּיין מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל, נִישְׁט אַבִּי יוֹצֵא צוּ זַיין ..................... כט

הֶעלְף מִיךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת ..................... כט

דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת ..................... ל

עֶס אִיז עֶנְקֶערֶע חוֹבוֹת צוּ בּוֹיעֶן דִי שֵׁיינֶע קְהִילָה מִיט דִי מוֹסְדוֹת ..................... ל

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל דָאס שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען ..................... לא

אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן אַבִּיסְל חִיזּוּק ..................... לב

אַזַא פְרֵיילִיכֶע זוּמֶער פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער ..................... לב

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען שְׁרֵייט צוּ אִים ..................... לג

וֶועסְט הֶעלְפְן בַּיים קָאמְפֵּיין, אָדֶער זוּכְן תֵּירוּצִים? ..................... לד

פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, צוּלֵייגְן נָאךְ שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה ..................... לה

שַׁבָּת דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ, לוּפְטִיג אוּן גֶעשְׁמַאק ..................... מ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶועלְכֶע סָארְט טֶעלֶעפָאן זָאל אִיךְ קוֹיפְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבְ'ס טֶעלֶעפָאן, אַ כָּשֶׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאן מִיט אַ הֶכְשֵׁר - הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, אוּן יֶעצְט הָאב אִיךְ צְוֵויי אוֹיסְוַואלְן וָואס אִיר צוּ קוֹיפְן, אָדֶער נָאכְאַמָאל אַ כָּשֶׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאן מִיט אַ הֶכְשֵׁר, וָואס דִי סָארְט טֶעלֶעפָאנֶען זֶענֶען נִישְׁט פוּן אַזַא גוּטֶע קְוַואלִיטֶעט, אָדֶער קֶען אִיךְ קוֹיפְן אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער טֶעלֶעפָאן וָואס קֶען אַרַיינְנֶעמֶען אַ כָּשֶׁרְ'עֶ סִים קַארְטְל, וָואס אִיז הַאלְבּ דִי פְּרַייז, אוּן עֶס אִיז סַאךְ אַ בֶּעסֶערֶע קְוַואלִיטֶעט, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען וֶועט עֶס נוּצְן נָאר מִיט אַ כָּשֶׁרְ'עֶ סִים, וָואס מֶען קֶען נָאר רֶעדְן מִיט דֶעם אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טֶעקְסְט; אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר זָאגְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן, וֶועלְכֶע אוֹיסְוַואל צוּ נֶעמֶען?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מַאךְ זִיךְ נִישְׁט טַאמֶעוַואטֶע וֶועלְכֶע טֶעלֶעפָאן עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ צוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ; אַוַדַאי דִי מֶערְסְטֶע כָּשֶׁרְ׳עֶ אוּן דִי מֶערְסְטֶע פָּשׁוּטְ׳עֶ, וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה...**

**דִי נִסְיוֹנוֹת וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי**

מָארְגְן וֶועט בְּרֶענְגֶען, מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער; דַארְף מֶען אַוֶועק שְׁטֵיין פוּן דִי גַאס דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ, אוּן קוֹיפְן דִי טֶעלֶעפָאן וָואס דִי רַבָּנִים זָאגְן אַז דִי טֶעלֶעפָאן קֶען מֶען הָאבְן, וָואס הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ זֶען אוּן הֶערְן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

דָאס וֵוייסְטוּ אַז אֲפִילוּ בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל, דִי אַמֶערִיקַאנֶע רֶעגִירוּנְג ווִיל אַוֶועק שְׁטֶעלְן תַּקָּנוֹת אַז דִי יוּגְנְט זָאל נִישְׁט הָאבְן מֶער קַיין צוּטְרִיט צוּ טֶעכְנֶעלָאגְיֶע, אֲפִילוּ זֵיי זָאגְן אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט; נִישְׁט אַז מִיר דַארְפְן רְאָיוֹת פוּן זֵיי, נִישְׁט אַז מִיר קוּקְן אוֹיף זֵיי; אִיז ווִי קֶען מֶען זִיךְ מַאכְן טַאמֶעוַואטֶע...

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, דוּ, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאט "עֶי אַיי" רִיכְטִיג אָפְּגֶעשַׁאצְט מַיין מַצָּב?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט זִיךְ גֶעשְׁרִיבְן מִיט "עֶי אַיי", כָאטְשׁ וָואס אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט, ווִיבַאלְד קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין צַייט פַאר מִיר אוּן מַיינֶע מְשׁוּגַעַתְ'ן, אוּן דָא הָאבּ אִיךְ אַ וֶועג צוּ פְרֶעגְן זַאכְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַלֶעס.

פוּנֶעם שְׁמוּעֶס מִיט "עֶי אַיי" אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז מַיין וַוייבּ אִיז אַ "נַארְסִיסִיסְט", זִי הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶעפִיל אָדֶער מִיטְלַייד צוּ אַ צְוֵוייטְן, אוּן דֶערְפַאר בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער מִיט אִיר לְגַבֵּי מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַז זִי הָאט אָנְגֶעקוּקְט דָאס אַז אִיךְ הֶעלְף זֵיי, ווִי אַז זֵיי זֶענֶען ווִיכְטִיגֶער פוּן אִיר, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט זִי מִיךְ צֶעקְוֶועטְשְׁט פַאר יָארְן אוּן מִיךְ דֶערְנִידֶערְט; הַיינְט בִּין אִיךְ אַ שֶׁבֶר כְּלִי, אִיךְ פַאל, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין נֶערְוְון צוּ גָארְנִישְׁט; ווִי אַזוֹי הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן, אִיךְ גֶעדֶענְק דִיךְ נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען נִישְׁט אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי, נָאר שִׁבְרֵי שְׁבָרִים; אִיךְ גֶעדֶענְק וָואס פַּאר אַ מַחֲשָׁבוֹת דוּ הָאסְט גֶעהַאט, פוּן אַנְטְלוֹיפְן וְכוּ׳ אוּן פוּן וֶועלְן עֶנְדִיגְן דִי לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיף דִי וַוייבּ, דָאס אִיז דַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס לוֹיפְן דִיךְ נָאךְ, דִי חַטְאוֹת נְעוּרִים אוּן חַטַּאת זְקֵנִים, פוּן זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; דָאס אִיז דִי גוֹרֵם פַאר דִי יְסוּרִים וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, וַוייל אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶען לַיידְט אִין לֶעבְּן - קוּמְט פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, פוּן זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן בִּיז מֶען פַאלְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען בַּאשַׁאפְט דוּרְכְדֶעם קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס פַּיינִיגְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן כו): ״עַל יְדֵי הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה בּוֹרֵא קְלִפּוֹת הַמִּתְלַבְּשִׁים בִּבְנֵי אָדָם מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עָלָיו, וְעוֹשִׂין לוֹ יִסּוּרִין״, דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת, אוּן דִי קְלִיפּוֹת גֵייעֶן אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן וָואס קְרִיגְן זִיךְ מִיט אִים אוּן טוּעֶן אִים אָפּ שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים.

עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן; טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען שׁוּלְדִיג, מִשְׁפָּחָה אִיז שׁוּלְדִיג, דֶער אִיז שׁוּלְדִיג, יֶענֶער אִיז שׁוּלְדִיג וְכוּ׳ וְכוּ׳; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, פַארְוָואס פְרֶעגְן עֵצוֹת פוּנֶעם טֶעלֶעפַאן? פַארְוָואס נִישְׁט נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן צַדִּיק, דִי עֵצָה פוּן תְּשׁוּבָה אוּן תְּפִלָּה; טוּ תְּשׁוּבָה אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי שְׁכִינָה זָאל רֵיעֶן צְווִישְׁן עֶנְק, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין, אוּן אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר - וֶועט דַיין וַוייבּ נִישְׁט זַיין ׳כְּנֶגְדּוֹ׳, נָאר זִי וֶועט דִיר זַיין ׳עוֹזַרְתּוֹ׳.

דָא הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָּאר, אִיךְ זָאג צוּ אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, וַאֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דָאס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פוּן מַיין וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ' - אִיז צוּלִיבּ מַיינֶע עֲוֹונוֹת וּפְשָׁעִים, חָטָאתִי לְפָנֶיךָ אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אוּן דֶערִיבֶּער גֵייט אוֹיף מִיר אִיבֶּער דִי יְסוּרִים. וַוייל דוּ הָאסְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בְּמַחְשָׁבָה, עֶר טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בְּדִבּוּר, מֶען רֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט מֶען צָרוֹת פוּן דִי וַוייבּ, אוּן וֶוען מֶען אִיז פּוֹגֵם בְּמַעֲשֶׂה, מֶען זִינְדִיגְט מִיט עֲבֵירוֹת - לַיידְט מֶען יְסוּרִים פוּן מֶענְטְשְׁן.

עַל כֵּן בָּאתִי לְפָנֶיךָ הַשֵּׁם אֱלוֹקַי, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ ווִיל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר. אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווָואויל. אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף מַיין וַוייבּ, אִיךְ זָאל אִיר נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן, אִיךְ זָאל אִיר וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט זִי, זִי ווִיל זַיין גוּט צוּ מִיר, זִי ווִיל זַיין אֵיינְס מִיט מִיר, אִיךְ דַארְף מְתַקֵּן זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", 'זָכָה' - דֶער וָואס פִירְט זִיךְ ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף, 'עוֹזַרְתּוֹ' - וֶוערְט דִי וַוייבּ אַן עֵזֶר, זִי הֶעלְפְט אִים, זִי אִיז מִיט אִים, זִי וֶוערְט אֵיינְס מִיט אִים, 'לֹא זָכָה' - אַז מֶען אִיז נִישְׁט זוֹכֶה, 'כְּנֶגְדּוֹ' - וֶוערְט זִי אַ פַּיינְט.

הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער דוּ; מַיין וַוייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער, מַיין פַּרְנָסָה - אַלֶעס בִּיסְטוּ אַלֵיינְס. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פְרֶעגְן מַיינֶע שְׁאֵלוֹת פוּן דִי נַייעֶ טֶעכְנֶעלָאגְיֶע 'עֶי אַיי', אִיךְ זָאל פְרֶעגְן מַיינֶע שְׁאֵלוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס נֶעמֶען זֵייעֶרֶע תְּשׁוּבוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר

כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַרַיינְצוּשַׁיינֶען דִי אֱמוּנָה אִין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אָנָּא הַשֵּׁם, רַחֵם עָלַי, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, גֶעבּ מִיר שְׁלוֹם בַּיִת, גֶעבּ מִיר נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ בְּרָכָה פַארְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק אוּן אִיךְ לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, אוּן שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז צְוֵויי וָואכְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועְן אָפְּצוּשֶׁערְן מַיינֶע הָאר מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אַוֶועק גֶעבְּן אַבִּיסֶל פוּן זַיין טַייעֶרֶע צַייט אוּן מִיר שִׁיקְן אַ בְּרָכָה, וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פְרֵייעֶן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן דִי פְרֵיילִיכֶע זַאךְ, אַז אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי הָאר צְוֵויי וָואכְן נָאךְ אַייעֶר חֲתוּנָה אוּן עֶס גֶעטוּן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוּן אִיךְ שִׁיק עֶנְק אַ בְּרָכָה: ״יְהִי רָצוֹן עֶס זָאל זַיין דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּבֵיתְכֶם, דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן אִין עֶנְקֶער שְׁטוּבּ, אוּן עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת, צוּ פַּרְנָסָה אוּן צוּ הַצְלָחָה״, בִּזְכוּת וָואס אִיר הָאט זִיךְ

אָפְּגֶעשׁוּירְן, אִיר הָאט גֶעטוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, און וָואס די אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט מִיט די הֵיילִיגֶע זַאךְ, דֶערְצֵיילְט פַּאר אַלֶע חַבֶרְ'טֶעס אַז אִיר זֶענְט אָפְּגֶעשׁוּירְן, זָאלְן זֵיי זִיךְ שֶׁעמֶען; די וָואס גֵייעֶן מִיט די אֵייגֶענֶע הָאר - די דַארְפְן זִיךְ שֶׁעמֶען, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', דָאס אִיז פוּן די יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען די הָאר פוּן די פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' און אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' און זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּבּ, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם און די נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

בַּיי אוּנְז אִין אַמֶערִיקֶע זֶענֶען אַלֶע פְרוֹיעֶן פוּן די הֵיימִישֶׁע חֲסִידִי'שֶׁע קְהִלּוֹת אָפְּגֶעשׁוּירְן, בַּיי עֶנְק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע צֶעמִישֶׁענִישׁ, מֶען פַארְדְרֵייט דָארְט די מֹחוֹת, אַז מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֵיין מִיט הָאר וִוי אַ שֵׁייטְל, די צַדִּיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְּן אַנְדֶערְשׁ גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַ שֵׁייטְל און זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, וִוי אֵיידֶער גֵיין מִיט צֶען טִיכְלֶעךְ און גֵיין מִיט די אֵייגֶענֶע הָאר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**בְּלָאז אַרַיין אַ חַיּוּת אִין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער יוֹאֵל לֶעוְוי נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק יצ״ו**

מַזָּל טוֹב פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁידוּךְ מִיט דַיין טֵייעֶרֶער זוּן הֶחָתָן שְׁמוּאֵל זְאֵב נֵרוֹ יָאִיר, מִיט מַיין שְׁוֶועסְטֶערְ׳ס קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי זֵיי אוּן בַּיי אַלֶע קִינְדֶער.

בְּלָאז אַרַיין אַ חַיּוּת אִין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ, זָאג זֵיי אַלֶע אַז אִיךְ בֶּענְק צוּ זֵיי, אִיךְ טְרַאכְט פוּן זֵיי, אוּן אֲפִילוּ עֶס קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין וָואכְן וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, אִיז דָאס נִישְׁט פְּשַׁט אַז דִי קֶשֶׁר אִיז אִיבֶּערְגֶערִיסְן, נָאר דָאס אִיז פוּן דִי גְרוֹיסֶע טִרְדוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ זִי זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין אִין בֵּית פֵּיגָא, זִי זָאל מְחַזֵּק זַיין דִי טִיטְשֶׁערְס, אוּן זַיי מְחַזֵּק דִי מַדְפִּיסִים אוּן דִי מְפִיצִים.

...

**וָואס וֶועט אִיר טוּן וֶוען זַיינֶע נֶערְוֶועןְ וֶועלְן זִיךְ צֶערַייסְן?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, עֶר פִילְט ווִי עֶר וֶוערְט צֶעקְוֶועטְשְׁט אוּן צֶעדְרִיקְט פוּן אַייךְ, עֶר פִילְט כַּמָּה

פְּעָמִים ווי עֶר פַארְלִירְט זַיין אָטֶעם; די וֶועג ווי אַזוֹי איר רֶעדְט צוּ אִים, איר שַׁאפְּט אוֹיף אִים אַזוֹי ווי אַ הַאר שַׁאפְּט אוֹיף אַ קְנֶעכְט; סְפֶּעצִיעֶל אַייעֶר מַאן וָואס אִיז זַייעֶר אֵיידְל אוּן הַייקְל, עֶר הָאט זַייעֶר אַן אֵיידֶעלֶע נֶפֶשׁ; עֶר טוּט זִיךְ אַלְץ בַּאשׁוּלְדִיגְן, פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה לֶעבְּט עֶר מִיט דִי מַחֲשָׁבָה אַז עֶר מַאכְט שְׁלֶעכְט פַאר אַנְדֶערֶע.

אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ וָוארְן, דִי וֶועג ווי אַזוֹי אִיר פִירְט זִיךְ מִיט אִים מוּז זִיךְ גְלַייךְ תֵּיכֶף וּמִיַּד טוֹישְׁן; רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן אֵיידְל; אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְּט פוּן אִים זָאלְט אִיר נִישְׁט אִים הֵייסְן דָאס טוּן, נָאר פְרֶעגְן בְּדֶרֶךְ שְׁאֵלָה: "וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט אַהֵיימְקוּמֶען יֶעצְט?" "וָואלְסְטוּ מִיךְ גֶעקֶענְט נֶעמֶען עֶרְגֶעץ?" "וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט קוּמֶען מִיט מִיר אַיינְקוֹיפְן?" "שְׁפִּירְסְטוּ אַז דוּ הָאסְט כֹּחַ מִיר יֶעצְט צוּ הֶעלְפְן?" גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג, עֶס קֶען זַיין אַז אִיר וֶועט אִיבֶּערְצִיעֶן דֶעם שְׁטְרִיק אוּן זַיינֶע נֶערְוְון וֶועלְן זִיךְ אִים צֶערַייסְן, אוּן וָואס וֶועט אִיר דֶעמָאלְט טוּן...?

זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד ווי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ אַ מַאן, מִיט כָּבוֹד אוּן עָהְרֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיטְהַאלְטְן אִינְפָארְמַאצְיֶע פוּן שְׁטֶעטְל, אָן קַיין טֶעקְסְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַבְרָהָם הֶערְשׁ וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה צוּ זַיין דִי זוּמֶער וָואכְן אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ וֶוער אַזוֹי פְרֵיילִיךְ יֶעדְן טָאג, מֶער אוּן מֶער, צוּ מִיטְהַאלְטְן פוּן דִי נָאנְט דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס עֶרְלִיכְקֵייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר מִשְׁפָּחוֹת אַז זֵיי ווילְן נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאן קַיין טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשֶׁעס, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט, וָואס

זָאלְן מִיר טוּן אַז אַלֶע הוֹדָאוֹת פוּן שְׁטֶעטְל וֶוערְט גֶעשִׁיקְט אוֹיפְן טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ, אוּן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ, פַּאלְן זֵיי אַרוֹיס, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן; וֶוען עֶס אִיז דָא אַ צַאמְקוּם בַּיי דִי פְרוֹיעֶן, אוּן וֶוען גֶעשֶׁעפְטְן קוּמֶען פַּארְקוֹיפְן, שִׂמְחוֹת וְכַדוֹמֶה; הָאבְּן מִיר דֶעמָאלְט גֶעמַאכְט אַ פְרוֹיעֶן טֶעלֶעפָאן וָואס מֶעלְדְט אַלֶע הוֹדָאוֹת פַאר מִשְׁפָּחוֹת.

יֶעצְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר חָשׁוּבְ'עֶ אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן אַ גֶּדֶר, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין טֶעקְסְט אוֹיף זֵייעֶר טֶעלֶעפָאן, אוּן זֵיי פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי מִיט הַאלְטְן דִי שִׂמְחוֹת אִין שְׁטֶעטְל, אוּן דִי זְמַנִּים וֶוען מֶען דַאוְונְט אִין שְׁטֶעטְל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וְוִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי צוּ מַאכְן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס רוּפְט אָן אוּן מֶעלְדְט אַלֶע זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ אוֹיךְ פַאר דִי מֶענֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְט שֵׁיין אוּן וֵוייךְ, אָבֶּער פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט אִידִישְׁקֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לָאזְט אַייךְ נִישְׁט, בְּלַייבְּט שְׁטַארְק, בְּלַייבְּט פֶעלְזְן פֶעסְט עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ קַיין סמ׳ טֶעלֶעפָאן, רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, בֶּעטְס אִים: ״אִיךְ וְוִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אִינְאֵיינֶעם מִיט דִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ, אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ״.

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי טו, א): ״מַעֲנֶה רַךְ יָשִׁיב חֵמָה״, דֶער וָואס רֶעדְט וֵוייךְ, קֶערְט אַוֶועק דִי צָארְן; נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם יד, א): ״חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ״, אַ פְרוֹי הָאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חָכְמָה וָואס זִי קֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן אִיר שְׁטוּבּ; פוּן אֵיין זַייט - זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי שְׁטוּבּ,

און פון דִי אַנְדֶערֶע זַייט - זַיין זֵייעֶר קְלוּג צוּ גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל פַארְן מַאן אַז עֶר אִיז חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר און בַּאלִיבְּט אִין דִי אוֹיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער רֶבִּי מַאכְט לִיכְטִיג אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי פִּדְיוֹן.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי עֵצוֹת און חִיזוּק פון הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דַיין לֶעבְּן אִיז גֶעוָוארְן אַ לֶעבְן, דֶער רֶבִּי מַאכְט דִיר לִיכְטִיג אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער; בַּיים לֶערְנֶען, בַּיים דַאוְוענֶען, בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת, בַּיים מְחַזֵק זַיין דִי קִינְדֶער און בַּיי כִּיבּוּד הוֹרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער און הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

## אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן עֶפֶּעס גָאר פְּרִיוַואט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג:

**״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ און דַאנְק דִיךְ פַאר אַלֶע חֲסָדִים און טוֹבוֹת וָואס דוּ טוּסְט מִיר, וִויפִיל אִיךְ זָאל נָאר דַאנְקֶען וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.**

**אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ וִויל זִיךְ צוּ דִיר אוֹיסְרֶעדְן עֶפֶּעס גָאר פְּרִיוַואט, מַיין יוּנְגְסְטֶע שְׁוֶועסְטֶער הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער און דָאס טוּט מִיר אַזוֹי**

שְׁטַארְק וֵויי, אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אִיךְ מַאךְ אַ שִׂמְחָה, אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן - וֶוערְט מַיין הַארְץ פַארְקְלֶעמְט מִיט דִי צַעַר פוּן מַיין שְׁוֶועסְטֶער; אָנָּא ה׳, הֶעלְף מַיין שְׁוֶועסְטֶער זִי זָאל אוֹיךְ מַאכְן שִׂמְחוֹת, אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען קָאנְטְרָאלִירְן מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, זִיךְ פְרֵייעֶן בַּיי מַיינֶע שִׂמְחוֹת, נִישְׁט אוֹיסְמִישְׁן דִי שִׂמְחוֹת מִיט דִי גֶעפִילְן וְכוּ׳, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַאנְקֶען, אוּן שְׁטֶענְדִיג זַיין נָאר בְּשִׂמְחָה, אָמֵן״.

...

## גוּטֶע מְלַמְדִים אוּן גוּטֶע טִיטְשֶׁערְס אִין אוּנְזֶער מוֹסָד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרְדְּכַי אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דַיינֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס, אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בַּאקוּמְסְט נָאךְ גוּטֶע מְלַמְדִים פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ אוֹיף דֶעם, הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרִית בַּיים מַדְפִּיס נַחְמָן נָתָן בּוֹים, אוּן זִיצְנְדִיג אוֹיפְן כִּסֵּא שֶׁל אֵלִיָּהוּ בַּיים זַיין סַנְדָּק הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם פְּרַט, אוֹיף גוּטֶע מְלַמְדִים אוּן גוּטֶע טִיטְשֶׁערְס אִין אוּנְזֶער מוֹסָד.

אוֹיךְ פָארִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת דְבָרִים אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי בְּרִיתְ׳ן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: ״עֲמֹד עַל יְמִינִי וְסָמְכֵנִי, שְׁטֵיי מִיר צוּ מַיין הַאנְט אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ הַאלְטְן דִי מוֹסְדוֹת״.

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן זַיין וַוארֶעם צוּ דִי מְלַמְדִים, זֵיי זָאגְן מִיר אַלֶע בְּפֶה אֶחָד אַז נָאר בִּזְכוּת דִי וַוארֶעמְקֵייט אוּן חִיזּוּק פוּנֶעם מְנַהֵל - הָאבְּן זֵיי כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אוּן מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר דִי תַּלְמִידִים.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעגֶעבְן דְרֵיי שִׁיעוּרִים; פַאר דִי פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם, פַאר מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס; דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי שִׁיעוּר אִינְדֶערְפְרִי, דִי דַף גְמָרָא, אוּן אוֹיסֶער דִי שִׁיעוּר פַאר בֵּית פֵּיגָא; אַשְׁרֵינוּ.

לָאז מִיר וִויסְן וואו דו הַאלְסְט מִיטְן מַגִיהַ זַיין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל בְּאִידִישׁ; אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט, אִיךְ וִויל דָאס אַרוֹיסְגֶעבְּן...

...

## הֶעלְפְן מִיט דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן נַאכְט נָאךְ מַעֲרִיב בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן בַּיי אַ גְרוּפֶּע אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן אוֹיךְ דִי יָאר הֶעלְפְן דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פוּן "אַנְשֵׁי חַיִל", מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ שָׁעָה וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען מַאכְן אַז אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן טוּן דָאס מֶערְסְטֶע צוּ שַׁאפְן גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת אוּן קְהִילָה.

עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִיר.

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵק זַיין, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עַיֵין בַּמִּדְבָּר רַבָּה כב, ד): "הַמַּתְחִיל בְּמִצְוָה אוֹמְרִים לוֹ גְּמוֹר", דִי וָואס הֵייבְּן אָן טוּן - דַארְפְן אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן, 'אוֹמְרִים לוֹ', מֶען דַארְף אִים זָאגְן: "בְּרוּדֶער לוֹיף נִישְׁט אַוֶועק, לָאז נִישְׁט אָפּ, 'גְּמוֹר', עֶנְדִיג טוּן דִי גוּטֶע זַאכְן".

וָואס מֵיינְסְטוּ, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן? אִיךְ קֶען נִישְׁט אָפְלָאזְן (חַס וְשָׁלוֹם)? אִיךְ וִויל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט אָפְלָאזְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכט): "אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן".

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר אוֹיךְ דִי יָאר אוּן אוֹיךְ אַלֶע יָארְן הֶעלְפְן מִיט דִי קָאמְפֵּיין, סַיי אַלֵיינְס גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוּן סַיי מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם.

...

## דִי טְרוּקֶענֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי פִּדְיוֹן.

אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַּאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ, אוֹיךְ בִּין אִיךְ מִתְפַּלֵּל פַּאר דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער דַיין פַּרְשָׁה הַשֵּׁם יְרַחֵם.

וְהָעִקָּר זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ אוֹיפְזוּכְן גוּטְס אִין דַיין חַשְׁכוּת, אִין דַיין צָרָה, אוּן דוּ זָאלְסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן מוֹחִין אוּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אָנְגֵיין אִין דַיין לֶעבְּן, קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵב.

גֵיי אַרוֹיף צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער, גִיס אוֹיס דַיין הַארְץ אוּן דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, אוּן אַז דִי הַארְץ אִיז פַארְקְלֶעמְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אָן דִי הַארְץ, וַוייל דִי טְרוּקֶענֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

...

## אָפְּשְׁרַייבְּן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף אַ גְרִינְגְן וֶועג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי נַייעֶ שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים אִין אִידִישׁ אוּן אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיין זְכוּת.

יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז מִיט דִי פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע טֶעכְנָאלָאגְיֶע קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גַאנְצֶע שִׁיעוּר וָואס אִיז גֶעזָאגְט אִין אִידִישׁ, אוּן בִּיז אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס קוּמְט אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע שִׁיעוּר אָפְּגֶעטֵייפְּט וָוארְט בַּיי וָוארְט. וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט הָאבּ אִיךְ בַּאלְד גֶעטְרַאכְט פוּן דִיר מִיט דַיין חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס עֶנְק זִיצְן שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת, טֶעג אוֹיף טֶעג - אָפְּצוּטֵייפְּן מַיינֶע שִׁיעוּרִים; אַ

שָׁאד אוֹיף דִי צַייט, אַ שָׁאד דִי הָארֶעוַואנְיֶע, קֶענְסְט נֶעמֶען אַ גַאנְצֶע פֵייל מִיט שִׁיעוּרִים אוּן דָאס מַאכְן פַאר סְפָרִים אִין אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס. קֶענְסְט צוּרִיק נֶעמֶען דִי מַלְמְדוּת אוּן אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעבְן דִי סְפָרִים, וַוייל מִיט דִי טֶעכְנֶעלָאגְיֶע גֵייט דָאס אִין סֶעקוּנְדֶעס.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, וִוי דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ, וִוי דוּ ווִילְסְט זַיין דָבוּק צוּ אִים, אוּן וָואס עֶס גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר; דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, אוּן צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה.

...

## אִיר רְפוּאָה אִיז נָאר אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה פַאר דַיין וַוייבּ, זִי זָאל צוּרִיק בַּאקוּמֶען אִירֶע כֹּחוֹת, זִי זָאל קֶענֶען זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אַ וַוייבּ.

יֶעצְט וֶוען דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף דִיר, זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן דָאס צוּ טוּן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מְשַׂמֵּחַ זַיין דַיין וַוייבּ, אִיר רְפוּאָה אִיז נָאר אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין שִׂמְחָה; נֶעם אִיר צוּ דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ, דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ אִיז דֶער גֶרֶעסְטֶער אוּן בֶּעסְטֶער דָאקְטֶער, "שִׂמְחָה הוּא הָרְפוּאָה לַכֹּל" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן כד).

אוֹיךְ אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעסָאר דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן - אִישׁ שָׂדֶה, לֵילֵךְ בַּיְּעָרִים וּבַשָּׂדוֹת, גֵיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן פֶעלְדֶער שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע דָאקְטוֹירִים וָואס הָאבְן אִים גֶעהַאלְטְן בַּיים לֶעבְן, דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ, דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן, דָאקְטֶער

לֶערְנֶער אוּן דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן; שִׂמְחָה, הִתְבּוֹדְדוּת, תּוֹרָה אוּן מִקְוֶה; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## נִישְׁטָא קַיין עֵצָה, נָאר צוּ גֵיין קָאפּ אִין וַואנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַאכְסְט מִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מִיטְן גֵיין יֶעדֶע נַאכְט צוּם גְמָרָא שִׁיעוּר, עֶס אִיז אַזוֹי הֵיילִיג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אוּן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט, "אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה" (אָבוֹת ו, ב), מֶען וֶוערְט בַּאפְרֵייט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט דַיין גֶדֶר נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן מִיט וַואטְסְעֶפּ, דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דַיין בַּעַל הַבַּיִת; אַזוֹי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער טוּן, וַוייל דִי נִסְיוֹנוֹת פַארְשְׁוֶועמֶען דִי בֶּעסְטֶע אוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע... נִישְׁטָא קַיין עֵצָה, נָאר צוּ גֵיין קָאפּ אִין וַואנְט, בְּלַייבְּן פֶּעלְזְן פֶעסְט מִיט דִי גְּדָרִים וָואס מֶען נֶעמְט אוֹיף זִיךְ, אוּן נָאר מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זִיךְ, פַאר דִי מִשְׁפָּחָה אוּן פַאר דִי דוֹרוֹת.

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אוֹיף זָאגְן אַ יוֹם תְּהִלִּים.

...

## דַיין וַוייבּ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן

גְמָרָא, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבּ דַיין וַוייבּ גֶעלְט, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן זִי זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֵימָה יְתֵירָה, אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעק פוּן בֶּעטְן גֶעלְט פַאר דִי שְׁטוּבּ זַאכְן וְכַדוֹמֶה, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, וַוייל וֶוען עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ - אִיז דָא שֶׁפַע.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִשָׂכָר דוֹב - דֶער בֶּעלְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קל.): "לֵיכָּא כְתוּבָה דְלֹא רָמוּ בֵּי' תִּיגְרָא", 'תִּיגְרָא' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן תַּגָר אוּן מִסְחָר, אוּן דִי וָוארְט 'רָמוּ' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן הֲרָמָה, אוֹיפְהֵייבְּן; וֶוען עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת וֶוערְט גְרוֹיס שֶׁפַע.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי גוּטֶע מִנְהָג נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דַיין אָפִּיס אִין שְׁטוּבּ; זְמַן אָפִּיס לְחוּד, וּזְמַן זַיין אַ מַאן אוּן אַ טַאטֶע פַאר דִי קִינְדֶער - לְחוּד, מִיש נִישְׁט אוֹיס, מַאךְ נִישְׁט כִּלְאַיִם.

...

## אַרַיינְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן פַאר שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ו' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער ווִילְן כְּסֵדֶר קוּמֶען, אוּן עֶס אִיז שְׁוֶוער פַאר דַיין וַוייבּ, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

רִיכְטִיג אִיז - וָואס מֶער אַרַיינְנֶעמֶען דִי עֶלְטֶערְן פַאר שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים, בִּפְרַט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן פַארְעֶלְטֶערְט - אִיז רִיכְטִיג וָואס מֶער זֵיי צוּ מְכַבֵּד זַיין, וָואס מֶער זֵיי אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז זֵיי פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ, אוּן דוּ טְרַאכְסְט אַז עֶס וֶועט גֵיין אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער – דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דִי קִינְדֶער וֶועלְן נָאר שֶׁענֶער אוֹיפְוַואקְסְן בִּזְכוּת כִּיבּוּד הוֹרִים.

(נָאר אוֹיב פַאר דַיין וַוייבְ׳ס מֹחַ אִיז דָאס נִישְׁט גוּט, זִי פַאלְט צוּרִיק וְכוּ׳ - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן אַז עֶס אִיז אוּנְז יֶעצְט אַבִּיסְל שְׁוֶוער וְכוּ׳, חַיֶּיךְ קוֹדְמִין, עֶרְשְׁט קוּמְט דִי גֶעזוּנְט פִּיזִישׁ, אוּן נָאךְ מֶער דִי נֶפֶשׁ גֵייסְטִישׁ).

הַאלְט אָן דַיין גֶּדֶר פוּן נִישְׁט הָאבְּן טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ.

...

## טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן, אָבֶּער נִישְׁט מִיט עַצְבוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן הִלְכוֹת אֲבֵלוּת, מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ נַחַת רוּחַ פוּן אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי.

בְּנוֹגֵעַ לֶערְנֶען תִּשְׁעָה בְּאָב נָאךְ חֲצוֹת; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז מֶען קֶען גוֹרֵס זַיין אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) - שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג.

סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל - דָאס קֶען מֶען אַ גַאנְצֶע צַייט לֶערְנֶען, דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב צוּפְרִי; וַוייל דָאס אִיז פָּשׁוּט חִיזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה אוּן חִיזּוּק אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, וואוּיל אִיז דֶער וָואס לֶערְנְט עֶס, דֶער וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְרִינְגְן תַּעֲנִית.

...

## נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן פַּאר דִי וָואס צָאלְן נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מָרְדְּכַי אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי נַייעֶ תַּקָּנָה וָואס דִי הַנְהָלָה וִויל מַאכְן אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן פַּאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס צָאלְן נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד; אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן אַז דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה מַאכְן טַאקֶע אֵייגֶענֶע הַחְלָטוֹת, אָבֶער אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע טוֹישׁוּנְגֶען מַאכְן זֵיי נִישְׁט אָן פְּרֶעגְן. אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן נֶעכְטְן מִיט זֵיי אִיבֶּער דְרֵיי שָׁעָה אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא וָואס מֶען קֶען טוּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אוּן מֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מֶער אוֹיפְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג אוּן צָאלְן נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד.

אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן, פַּאר יָארְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעצָאלְט שְׂכַר לִימוּד, וַוייל דִי מוֹסָד הָאט מִיר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן, מִיטְן חֶשְׁבּוֹן אַז אִיךְ וֶוער נִישְׁט בַּאצָאלְט, אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט קַיין גֶעהַאלְט, אוּן מִיט דֶעם הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעטוּן פַּארְגוּטִיגְן, אַז זֵיי צָאלְן מִיר נִישְׁט אוּן אִיךְ צָאל זֵיי נִישְׁט, בִּיז פַּאר בְּעֶרֶךְ דְרֵיי יָאר צוּרִיק וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי חֲנֻכַּת הַבַּיִת פוּנֶעם אַלְטְן תַּלְמוּד תּוֹרָה בִּנְיָן, 33 טְשֶׁעסְטְנַאט, הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט דָארְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אֵיינֶע פוּן דִי נַדְבָנִים, אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דִי הַנְהָלָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמֶער, אִים זָאגְן אַז עֶלְטֶערְן צָאלְן נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד, וָואס קֶען מֶען טוּן; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס צָאלְט מֶען נִישְׁט?" הָאט מֶען גֶעזָאגְט: "וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט"; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "אוּן וָואס אִיז מִיט לֶעקְטֶער, גֶעז, אִינְשׁוּרֶענְס וְכוּ׳?" הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז דָארְט צָאלְט מֶען, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, וַוייל אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט - הַאקְט מֶען אָפּ, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ אוּן גֶעזָאגְט: "אוּן וֶוער זָאגְט אַז בַּיי שְׂכַר לִימוּד הַאקְט מֶען נִישְׁט אָפּ? אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד הַאקְט מֶען אוֹיךְ אָפּ"; זַייט דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צָאלְן

שְׂכַר לִימוּד אֲפִילוּ מֶען בֶּעט מִיר נִשְׁט, און יֶעצְט זָאגְן דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה אַז עֶס אִיז נִשְׁט מֶעגְלִיךְ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אוֹיךְ ווילְן זֵיי מַאכְן אַז מֶען זָאל נִשְׁט קֶענֶען קוּמֶען אִין חֶדֶר און אִין סְקוּל נָאר מִיט אַן אֵיינְטְרִיט קַארְטְל, זֵיי ווילְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן דִי מוֹסָד אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן מוּזְן קוּמֶען רֶעדְן צוּ דִי אָפִיס, זִיךְ ווִיסְנְדִיג מַאכְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דִי הַנְהָלָה זֵיי זָאלְן אוֹיךְ מִיט דִיר רֶעדְן, מֶען מוּז אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְּרוֹי וָואס קוּמְט בִּפְרִיצוּת וְכוּ'; מֶען דַארְף קְלָאר זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן, אָדֶער בְּרֶענְגְן זֵיי דִי קִינְדֶער אָדֶער בְּלַייבְּן דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ, עֶס קֶען נִשְׁט זַיין אַזַא זַאךְ אַז אַ פְּרוֹי זָאל קוּמֶען אָן שְׁטְרִימְפּ צוּ אוּנְז, בְּרֶענְגֶען הֵיילִיגֶע קִינְדֶער בִּפְרִיצוּת.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; אִיךְ וֵויִיס אַז אִיךְ דַארְף קוּמֶען צוּ עֶנְק אִין קֶעמְפּ גֶעבְּן חִיזוּק, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְוָואס שְׁטֶעכְסְטוּ מִיךְ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אוּנְז צֶעבְּרֶעכְן, אָבֶּער עֶר קֶען אוּנְז נִשְׁט צֶעבְּרֶעכְן, מִיר זֶענֶען אִין פַּאלַאץ פוּן קֶענִיג, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; נָאר מִיט אֵיין וֶועג קֶען עֶר אוּנְז צֶעבְּרֶעכְן - מִיט מַחֲלֹקֶת, אַז מִיר תַּלְמִידִים און בַּיי דִי וַוייבֶּער דִי תַּלְמִידוֹת, רֶעדְן נִשְׁט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵייטְן, און מֶען הָאט וַוייטָאג אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵייטְן - מִיט דֶעם טוּט עֶר אוּנְז צֶעבְּרֶעכְן און אַוֶועק נֶעמֶען אוּנְזֶער כֹּחַ, אוּנְזֶער נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז אַ טִיטְשֶׁער גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיף אַייךְ און רֶעדְט צוּ אַייךְ שְׁטֶעכֶעדִיג -

זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט נֶעמֶען עֶרְנְסְט, אִיר זָאלְט קוּקְן מִיט רַחְמָנוּת אוּן טְרַאכְטְן: 'נֶעבֶּעךְ, פַארְוָואס שְׁטֶעכְסְטוּ מִיךְ? פַארְוָואס מִיךְ צֶעטְרֶעטְן? מִיר זֶענֶען דָאךְ דָא מִיט אֵיין כַּוָנָה, בּוֹיעֶן אַ סְקוּל פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, וואו מֶען וֶועט לֶערְנֶען דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דִי זִיסֶע אֱמוּנָה, דִי זִיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת...' נֶעמְט עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן, אוּן גֶעדֶענְקְט אַז דָאס אִיז אַ סִיבָּה, אַן עֲלִילָה פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַייךְ צוּ מַחְלִישׁ דַעַת זַיין אוּן אַייךְ אַוֶועק נֶעמֶען פוּן דִי הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק.

הַלְוַאי זָאלְט אִיר וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דָאס קוּמֶען צוּ דִי תַּלְמִידוֹת לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן זֵיי גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט, אוּן אַז אֵיינֶער טוּט אַייךְ וֵויי - זָאלְט אִיר זַיין אָפְן אוּן זָאגְן: "אִיךְ בֶּעט דִיר, טוּ מִיר נִישְׁט וֵויי, אִיךְ בֶּעט דִיר, רֶעד צוּ מִיר שֵׁיין אוּן הַארְצִיג וְכוּ' וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער נָאר מִיט דִי תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ עֶנְטְפֶערְן קַיין אִימֶעילְס פוּן פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ, הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר, זָאלְסְט שְׁטֵיין וַוייט פוּן דִי סָארְט מִצְווֹת, וַוייל דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען אִין אַרָאפְּפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו רַחֲמָנָא לִצְלָן.

קֶענְסְט אִיבֶּער גֶעבְּן דִי אִימֶעיל אַדְרֶעס פַאר דִי קֶרֶן הַדְּפָסָה וָואס שִׁיקְן אַרוֹיס אוֹיטָאמַאטִישׁ אִימֶעילְס פוּן חִיזּוּק פַאר אַלֶעמֶען, אָבֶּער דוּ פְּרִיוַואט זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַן אִימֶעיל פוּן אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי, אוֹיךְ נִישְׁט קַיין טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ, וַוייל מֶען קֶען אַזוֹי אַרָאפְּפַאלְן אוּן מֶען קֶען אַלֶעס פַארְלִירְן, אִין אֵיין אוֹיגְן בְּלִיק קֶען מֶען בְּלַייבְּן אָן דִי וַוייבּ, אָן דִי קִינְדֶער אוּן וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי יֵצֶר הָרָע וָואס פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ מִיט מִצְוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א), וִוי אַזוֹי הֵייבְּט דֶער יֵצֶר הָרָע אָן פַארְנַארְן דֶעם מֶענְטְשׁ? דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ בְּמִצְוֹת, צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם קוּמְט עֶר מִיט אַ צְוֵוייטֶע לְבוּשׁ; אַז מֶען קֶען אוֹיפְטוּן, מֶען קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז טַאקֶע אֱמֶת, דָאס אִיז טַאקֶע דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פד, ד): "אַבְרָהָם הָיָה מְגַיֵּר אֶת הָאֲנָשִׁים", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְגַיֵּיר גֶעוֶוען דִי מֶענֶער, "וְשָׂרָה מְגַיֶּרֶת אֶת הַנָּשִׁים", אוּן שָׂרָה הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט דִי וַוייבֶּער; דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הֲפָצָה, אִין קֵירוּב רְחוֹקִים; דִי מֶענֶער זָאלְן זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן מִיט פְּרוֹיעֶן.

רְאֵה הִזְהַרְתִּיךְ.

...

## אֵיין זַאךְ בְּלַייבְּט אִיבֶּער מִיטְן מֶענְטְשׁ, דִי מוֹיל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן נַחֲמוּ, י' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, שְׁטֶענְדִיג גֶעפַאלְט שַׁבָּת נַחֲמוּ אוּם פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, וַוייל 'וָאֶתְחַנַּן' אִיז אַ לָשׁוֹן 'תְּפִלָּה', אוּן נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה קֶענֶען מִיר זִיךְ טְרֵייסְטְן; וַוייל פוּן יֶעדֶע צָרָה אוּן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע זַאכְן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער, אוֹיבּ וֵוייסְט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן תְּפִלָּה, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר קֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין וֵוייטָאג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ טְרֵייסְטְן, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מֶער נִישְׁט קַיין פַארְלוֹירֶענֶער, פוּן יֶעדֶע מַצָּב וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיס זֶען.

אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען זֶעט אַז מֶען הַאלְט אוּן אֵיין פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, וִויפִיל מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין גוּט, וִויפִיל מֶען פְּרוּבִּירְט זִיךְ פָּארְצוּנֶעמֶען אַז מֶען גֵייט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זֶעט מֶען וִוי מֶען פַאלְט צוּרִיק אוּן מֶען פַאלְט אַרָאפּ זֵייעֶר זֵייעֶר טִיף; בְּלַייבְּט אָבֶּער אֵיין זַאךְ

אִיבֶּער מִיטְן מֶענְטְשׁ, דִי מוֹיל; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עח), אַז דִי מוֹיל, דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי מַאמֶע פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ לא, יט): "כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ", אוּן אַזוֹי וִוי וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט שְׁמוּצִיג אוּן עֶס גֵייט פוּן אִים אַ גֶערוּךְ - טוּעֶן זִיךְ אַלֶע דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים, נָאר דִי מַאמֶע וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק דָאס קִינְד, דִי מַאמֶע נֶעמְט דָאס קִינְד, זִי וַואשְׁט אִים, ווִישְׁט אִים אוּן טוּט אִים אָן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַמָאל פַאלְט אַ מֶענְטְשׁ אַרָאפּ אִין אַ בְּלָאטֶע, אַלֶע טוּעֶן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים, בְּלַייבְּט אִים אִיבֶּער אֵיין זַאךְ, דִי מוֹיל; עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַז עֶר נִיצְט דִי מוֹיל, עֶר שְׁרֵייט פוּן דִי בְּלָאטֶע: "טַאטֶע טַאטֶע, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע" - אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ וֶוערְן רֵיין אָפְּגֶעוַואשְׁן, אוּן דֶערְפַאר אִיז שַׁבָּת 'נַחֲמוּ' אַלְץ בַּיי פַּרְשַׁת 'וָאֶתְחַנַּן', ווייל מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זִיךְ טְרֵייסְטְן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן עֶפֶּעס גָאר פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין אַ וָואךְ אוּן אַ הַאלְבּ מַאכְן מִיר דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פַאר אוּנְזֶער קְהִלָּה אוּן מוֹסְדוֹת, אִיךְ דַארְף דִי יָאר דוּ זָאלְסְט מִיךְ נִישְׁט אָפְּזָאגְן, אִיךְ דַארְף דִי יָאר דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן, דִי קָאמְפֵּיין אִיז מַיין פֶּערְזֶענְלִיכֶע קָאמְפֵּיין, קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ אַז דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, כְּאִילוּ מֶען מַאכְט מִיר זָאגְן זַאכְן, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶער וָואס זָאל מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ נָאר דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, אוּן נָאר זֵיי זָאגְן מִיר וָואס צוּ טוּן, אוּן זֵיי זָאגְן אַז אַ אִיד דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוּן הַלְוַאי וָואלְטְן אַלֶע תַּלְמִידִים עוֹסֵק גֶעוֶוען אַ גַאנְץ יָאר אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִיז כָאטְשִׁיג יֶעצְט וֶועלְן מִיר אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת, פַאר דִי קְהִילָה; אִיךְ נֶעם דִי קָאמְפֵּיין זֵייעֶר פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ הָאבּ אַ בַּארִיכְט פוּן יֶעדְן פוּן דִי קְהִילָה ווִיפִיל עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט פַארְיָאר, אוּן דוּרְכְאוֹיס אַלֶע יָארְן, אוּן וֶוען אִיךְ זֶע נֶעמֶען וָואס נִיצְן דִי קְהִילָה אוּן וַואקְסְן אִין דִי קְהִילָה, אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט זֵיי נִישְׁט צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי צְוֶועק - נֶעם אִיךְ עֶס זֵייעֶר פֶּערְזֶענְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ חוֹבוֹת פוּן מִילְיָאנֶען דָאלֶער, דָאס אִיז נִישְׁט מַיינֶע חוֹבוֹת, דָאס זֶענֶען דַיינֶע חוֹבוֹת, אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה פוּן דִי מוֹסָד אוּן פוּן דִי קְהִילָה, אִיךְ בָּארְג דִי חוֹבוֹת פַאר דִיר, פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן אִיךְ נֶעם עֶס זֵייעֶר פֶּערְזֶענְלִיךְ.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער, שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג וָואס דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ, שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָאר וָואס דוּ בִּיסְט אַלֵיין, אוּן עֶס גֵייט אִיבֶּער וָואס גֵייט אִיבֶּער; דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, אוּן יְשׁוּעַת הַשֵּׁם כְּהֶרֶף עַיִן.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, וַוייל אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי לֶעצְטֶע אַכְט יָאר וָואס מִיר מַאכְן דִי קָאמְפֵּיין, אִינְאֵיינֶעם הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קְהִילָה אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן אִיךְ הָאף אַז אוֹיךְ דִי יָאר וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דִינְסְטָאג, מִיטְוָואךְ אוּן דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת רְאֵה - וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פוּן ׳אַנְשֵׁי חַיִל׳; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, דִי חוֹבוֹת זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע, דָאס בָּארְג אִיךְ פַאר עֶנְק, צוּ בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה אוּן דִי מוֹסְדוֹת פַאר דִי דוֹרוֹת הַבָּאִים.

הֵייבּ אָן זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן זַיי מְסַיֵּים יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר תְּהִלִּים, אוּן פְלֶעכְט אַרַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער אוּן תְּפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ מִיט גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

...

## רֶעד נִישְׁט בַּיים דַאוְוענֶען, וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין מִיט גְרוֹיסֶע רְוָוחִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוְוענֶען, דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דִי שׁוּל - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי פְּלָאנְטֶער אִין וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ׳; נִישְׁט נָאר דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שָׁאדְן, נָאר דוּ וֶועסְט נָאךְ אַרוֹיס גֵיין מִיט גְרוֹיסֶע רְוָוחִים, נָאר בִּתְנַאי אַז דוּ בִּיסְט מְקַבֵּל מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין שׁוּל.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין דִי יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין פוּן ׳אַנְשֵׁי חַיִל׳, אִיךְ גֵיי מִיר אִיבֶּער דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי לֶעצְטֶע אַכְט יָאר, זֶע אִיךְ אַז פוּן אַלֶע קָאמְפֵּיינְס אֵינְאֵיינֶעם הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קְהִילָּה אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, דָאס אִיז נָאר פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי קָאמְפֵּיינְס, אוֹיסֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר נָאךְ גָאר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר אוֹיךְ דִי יָאר הֶעלְפְן מִיט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעמַאכְט נָאר פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן אוֹיךְ רֶעדְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן דִי קָאמְפֵּיין; אִיךְ נֶעם עֶס זֵייעֶר פֶּערְזֶענְלִיךְ.

נָאכְאַמָאל, אַז דוּ וֶועסְט מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין שׁוּל, אוּן נִישְׁט זִיצְן בַּיי דִי טִישׁ וואוּ מֶען שְׁמוּעֶסְט אוּן מֶען קוּקְקֶעט - וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

...

## אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן דָאס יָאר בַּיים קָאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי יָאר אִיז שׁוֹין כִּמְעַט אַרִיבֶּער, דִי וָואךְ אִיז שׁוֹין חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן בְּלָאזְן דִי ווִינְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, נָאךְ אַפָּאר וָואכְן פָארְן מִיר שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן מִיט מַתָּנוֹת; דוּ הָאסְט גָאר אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה צוּ בְּרֶענְגֶען, נָאךְ אַ שַׁ״ס, אַ דְרִיטֶע מָאל שַׁ״ס מִיט צֶענְדְלִיגֶער מָאל מִשְׁנַיוֹת.

אִיךְ הָאב גֶעמַאכְט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת ווִיפִיל גֶעלְט דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע יָארְן בַּיים קָאמְפֵּיין, אִיךְ זֶע אַז דוּ הָאסְט מִיר זֵייעֶר שֵׁיין גֶעהָאלְפְן, הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן צְוֶועלְף טוֹיזְנְט דָאלֶער, פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי צַייט פוּן דִי קָאמְפֵּיין.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט מִיר דִי יָאר אוֹיךְ הֶעלְפְן, אִיךְ זֶע אַז פַארְיָאר הָאסְטוּ גָארְנִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט קַיין גֶעלְט, אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פוּן דִי וָואס זָאגְן אַז דִי קָאמְפֵּיין אִיז נִישְׁט פַאר מִיר וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין דִי נַארִישְׁקֵייטְן.

דִי קָאמְפֵּיין אִיז מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִילָה, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט דִי יָאר שַׁאפְן צְדָקָה, בֶּעטְן צְדָקָה, גֵיין נָאךְ צְדָקָה.

...

### פַארְוָואס נִישְׁט הֶעלְפְן אֵיינְמָאל אַ יָאר בַּיים קָאמְפֵּיין?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן מִיט אַלֶע וָואס גֶעהֶערְן אִין דִי קְהִילָה מִיטְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן בֶּעטְן בַּאקַאנְטֶע אוּן מִשְׁפָּחָה פַאר דִי קְהִילָה אוּן דִי מוֹסְדוֹת.

אִיךְ מַאךְ מִיר דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת וֶוער עֶס הֶעלְפְט מִיר, אוּן וֶוער עֶס הֶעלְפְט דִי פְּלַאץ; אִיךְ זֶע נִישְׁט דַיין נָאמֶען, פוּן אַלֶע יָארְן זֶע אִיךְ אַז אֵיין יָאר הָאסְטוּ גֶעבְּרֶענְגְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן פֶערְצִיג דָאלֶער.

אִיךְ ווִיל דִיר אוֹיסְזָאגְן אַ סוֹד, דִי צְדָקָה גֶעלְט גֵייט נִישְׁט פַאר מִיר, דָאס גֵייט צוּ בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה אוּן דִי מוֹסְדוֹת וואוּ דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ לֶערְנֶען.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ נֶעם עֶס אַזוֹי פֶערְזֶענְלִיךְ וֶוען אִיךְ זֶע ווִי מֶענְטְשְׁן וָואס נִיצְן דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִילָה - קוּמֶען נִישְׁט דִי פָּאר טֶעג אַ יָאר הֶעלְפְן מִיט גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

אִיךְ הָאף אַז דִי יָאר וֶועסְטוּ יָא נֶעמֶען אַ טֵייל אִינֶעם קָאמְפֵּיין.

...

## אִין הִימְל אִיז חָשׁוּב וֶוער עֶס דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס, אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, וַוייל אִין הִימְל קוּקְט מֶען אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען קוּקְט דָא, דָארְט אִיז גֶעלְט נִישְׁט חָשׁוּב, דָארְט אִיז הַייזֶער, אִינְוֶועסְטְמֶענְט, כָּבוֹד, מֶעכְטִיגְקֵייט - בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען קוּקְט; דָארְט קוּקְט מֶען נָאר אוֹיף דֶעם, אוֹיף וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה, וֶוער עֶס הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע צָרוֹת וְיִסוּרִים.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מַאךְ אִיךְ אַ דְרֵייוְו אַז דִי גַאנְצֶע קְהִילָּה זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בַּאקְוֶועמְלִיכֶע לֶעבְּן אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַּאר דִי קְהִילָּה אוּן מוֹסְדוֹת, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס הָאט נִישְׁט בֶּאֱמֶת מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דִי קָאמְפֵּיין אִיז מִיךְ אַרוֹיס צוּ בֶּעצָאלְן פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת וָואס אִיךְ בָּארְג פַּאר דִי קְהִילָּה אוּן מוֹסְדוֹת.

אִיךְ זֶע אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע אַכְט יָאר הָאסְטוּ זֵייעֶר וַוארֶעם גֶעהָאלְפְן, דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט אִיבֶּער פִינְף אוּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער נָאר פוּן דִי קָאמְפֵּיינְס אַלֵיינְס, אוֹיסֶער וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי, אִיךְ הָאף דִי יָאר וֶועסְטוּ מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן בְּכָל לֵב וּבְכָל נֶפֶשׁ.

אַ גְרוּס פוּן דַיין זוּן, אִיךְ זֶע אִים יֶעדְן פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען מִיט הַתְמָדָה דָא אִין שׁוּל.

...

## שֶׁעם זיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, בֶּעט פוּן יֶעדְן צְדָקָה פַאר֗ן קָאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט שְׁטַארְק מִיט דַיין גוּטֶע גֶּדֶר נִישְׁט אַריינְצוּנֶעמֶען אִין שְׁטוּב דִי סְמַארְטְפָאוֹן אוּן טֶעבְּלֶעט, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מַיין אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵק זַיין אַזוֹיפִיל יָארְן - גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, אוּן בַּיים סוֹף נֶעמְט מֶען אָן אַז אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב גֵייט נִישְׁט מִיט אַ טֶעלֶעפָאן.

קוֹמֶענְדִיגֶע וָואךְ מַאךְ אִיךְ דֶעם יֶערְלִיכְן דְרֵייווּ אַז אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִיךְ קוּק אִיבֶּער דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע קָאמְפֵּיינְס, זֶע אִיךְ אַז דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע זִיבְּן קָאמְפֵּיינְס הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קְהִילָה אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן דְרַייסִיג טוֹיזְנְט, פִינְף הוּנְדֶערְט אוּן דְרֵיי דָאלֶער, נָאר פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי קָאמְפֵּיין, אוֹיסֶער וָואס דוּ הֶעלְפְסְט דִי מוֹסְדוֹת אַ גַאנְץ יָאר.

אִיךְ וויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיךְ דִי יָאר אוֹיךְ הֶעלְפְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, בֶּעט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן זַיי מְחַזֵק דַיינֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה זֵיי זָאלְן זִיךְ אַלֶע אָנְשְׁטְרֶענְגֶען דִי אֵיין מָאל אִין יָאר פַאר מִיר אוּן פַאר זֵיי.

בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיטְן נִישְׁט אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב דִי טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּב, הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת.

...

## אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת דָאךְ אִיז דִי לִיבְּשַׁאפְט שְׁטַארְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מְנַחֵם נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיטְן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, אִיךְ דַאנְק דִיךְ זֵייעֶר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט, סְפֶּעצִיעֶל פַארְן זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת דָאךְ אִיז דִי לִיבְּשַׁאפְט שְׁטַארְק, מֶען פַארְגֶעסְט

נִישְׁט אוּנְזֶער צִיל, צוּ מְגַלֶּה זַיין אוּן מְפַרְסֵם זַיין פַאר אַלֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזוּק, דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; אִין דֶעם לִיגְט אוּנְזֶער הַצְלָחָה. אֲפִילוּ דִי גוֹיִים וֶועלְן אוּנְז כְּסֵדֶר אוּנְטֶער לֵייגְן פִּיסְלֶעךְ, זֵיי וֶועלְן אוּנְז מַאכְן שְׁמָאל, אוּנְז נִישְׁט לָאזְן בּוֹיעֶן וְכוּ'; דָאס אִיז נִישְׁט אוּנְזֶער פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל אוֹיב מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן וֶועלְן מִיר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, קֵיינֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען שְׁטֶערְן; אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ מוֹסָד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ פוּן נִישְׁט הָאבְּן גֶעלְט, אַ מוֹסָד פַארְמַאכְט זִיךְ פוּן מַחְלֹקֶת, פוּן שִׂנְאָה אוּן קִנְאָה".

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן הֶעלְפְן אַלֶע יָארְן בַּיים קַאמְפֵּיין, אִיךְ מַאךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי לֶעצְטֶע אַכְט יָאר, זֶע אִיךְ אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קְהִילָּה אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, נָאר פוּן דִי קַאמְפֵּיינְס אַלֵיינְס; דָאס אִיז אוֹיסֶער וָואס דוּ הָאסְט גֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל אֵייגֶענֶע גֶעלְט, הָאסְט גֶעגֶעבְּן אִיבֶּער אַ מִילְיָאן דָאלֶער צוּ בּוֹיעֶן דִי חֵדֶר, אוּן פַאר דִי שׁוּל הָאסְטוּ גֶעגֶעבְּן הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן נָאךְ אַסַאךְ; דָאךְ אִיז מִיר מֶער חָשׁוּב דִי קַאמְפֵּיין גֶעלְט, וַוייל דָאס גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז מִיר מֶער חָשׁוּב ווִי גֶעבְּן אֵייגֶענֶע גֶעלְט; וָואס עֶס אִיז יָדוּעַ פוּן צַדִּיקִים אַז מִיט גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז מֶען מְתַקֵּן ד' מִיתוֹת בֵּית דִּין אוּן כְּרִיתוּת, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֲלוּקָא דְּרַבָּנָן מִיט וָואס צוּ זִיצְן אִין גַּן עֵדֶן.

...

## גֵיין נָאךְ גֶעלְט, הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ קָאנְטְרַאקְטֶער קֶען בַּיים בּוֹיעֶן הַייזֶער זַיין אַ גְרוֹיסֶער מֵפִיץ, אַז מֶען רֶעדְט אֵיידֶל, מֶען רֶעדְט שֵׁיין, אוּן וֶוען דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים שְׁרֵייעֶן בְּלַייבְּט מֶען רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן, בִּיז אַלֶע הֵייבְּן אָן זֶען אַז דָא אִיז דָא אַ קָאנְטְרַאקְטֶער אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד וָואס רֶעדְט אֵיידֶל אוּן רֶעדְט אַלְץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט זַיין דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין, אִיךְ זֶע אַז דוּ הָאסְט דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן פְּלַייסִיג גֶעאַרְבֶּעט, אַלֶע יָארְן אִינְאֵיינֶעם הָאסְטוּ גֶעבְּרֶענְגְט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן דְרֵיי אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער; אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אִיךְ הָאף אַז דִי יָאר וֶועסְטוּ אוֹיךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, הֶעלְפְּן דִי מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָה.

גֵיי יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, הֵייבּ אָן מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, אַז דוּ בִּיסְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, אוּן פַאר דַיין הִתְקַרְבוּת לְרַבֵּנוּ, אוּן פַאר דַיין שִׁידוּךְ, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, פַאר דַיין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, נָאכְן דַאנְקֶען זָאלְסְטוּ מַאכְן צַייט פַאר תְּשׁוּבָה אוּן וִידּוּי דְבָרִים, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): "נוֹתֵן הוֹדָאָה עַל שֶׁעָבַר וְצוֹעֵק עַל הֶעָתִיד", עֶרְשְׁט דַאנְקְט מֶען אוּן נָאכְדֶעם בֶּעט מֶען.

...

## מֶען מוּז בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען - מֶעגְסְטוּ עַל פִּי הֲלָכָה גֵיין נָאךְ גֶעלְט; אַזוֹי וֶוערְט גֶעפַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג).

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אוֹיבּ מֶען וִויל נִישְׁט 'פּוֹשֵׁט רֶגֶל' זַיין (בַּאנְקְרָאטִירְן) - זָאל מֶען 'פּוֹשֵׁט יַד' זַיין, זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען אוֹיסְצוּשְׁטְרֶעקְן דִי הַאנְט בֶּעטְן הִילְף.

פַאר זִיךְ קֶען מֶען מֵקִיל זַיין, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר זִיךְ - אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - דָארְט אִיז נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּצִים: 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וְכוּ׳', דָארְט מוּז מֶען בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חוּלִין פד:): "שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי בְּמִי

שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם", די וַוייב און קינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מַאן, אָבֶער דֶער מַאן אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעדֶענְק דַיין הִתְחַיְּבוּת בַּיי דַיין חוּפָּה, הָאסְט אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי כְּתוּבָּה: "אֲנָא אֵיזְן, וְאוֹקִיר, וְאֶפְלַח לֵכִי", אִיךְ וֶועל דִיךְ שְׁפַּייזְן וְכוּ׳; דַארְפְסְטוּ דָאס מְקַיֵּים זַיין, און אוֹיךְ קֶען דִי גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת גֵיין שְׁלָאפְן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תְּמוּרָה טז.): "אִשָּׁה כֵּיוָן שֶׁאֵין לָהּ תְּבוּאָה בְּתוֹךְ בֵּיתָהּ מִיָּד צוֹעֶקֶת", אוֹיב עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֶסְן אִין שְׁטוּב הֵייבְּט גְלַייךְ דִי וַוייב אָן צוּ שְׁרֵייעֶן; דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי לִיבְּשַׁאפְט און דָאס אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶעס זָאל צֶעפַּאלְן.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פַּאר דִי קְהִילָּה און דִי מוֹסְדוֹת, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט דִי יָאר נֶעמֶען אַ חֵלֶק; נִישְׁט אַבִּי יוֹצֵא צוּ זַיין, אִיךְ ווִיל עֶס זָאל זַיין מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז מֶער חָשׁוּב ווִי גֶעבְּן פוּן אֵייגֶענֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט...

אַזַא שָׁאד פַּאר זֵיי, זֵיי גֵייעֶן חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי גֵייעֶן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער; וָואס מֵיינֶען זֵיי? אַז מֶען אִיז נִישְׁט גוֹרֵס טַאטֶע מַאמֶע, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן פוּן מוֹיל, אָבֶער זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן דֶען יָא רֶעדְן מִיט זֵיי? מֶען דַארְף דָאךְ אַזוֹיפִיל רַחֲמֵי שָׁמַיִם בַּיים בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב, אִיז פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן בְּעֵת הַשִּׂמְחָה; בִּזְכוּת דֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט זֵיי נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

מַאךְ אַ הִתְעוֹרְרוּת בַּיי דִי חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע זָאלְן זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן אִינֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין מִיר צוּ הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי חוֹבוֹת, אִיךְ מַאךְ דִי

חֶשְׁבּוֹנוֹת וויפיל דו הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דִי פָּאר יָאר וָואס מִיר קָאמְפֵּיינֶען פַּאר דִי מוֹסְדוֹת בְּרֶסְלֶב, זֶע אִיךְ אַז דו הָאסְט גֶעבְּרֶענְגט אִיבֶּער פִּינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער, אִיךְ וֵוייס אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעבְּרֶענְגְט חוֹמֶשׁ אוּן מַעֲשֵׂר, אַסַאךְ מֶער; דָאךְ אִיז דִי סְכוּם פוּן 5,155 מֶער בַּאלִיבְּט בַּיי מִיר, וַוייל גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַלֶעס מְתַקֵּן, אִיךְ ווִיל דַוְקָא מֶען זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

...

## פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קָאמְפֵּיינְט פַארְיָאר?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ מַאךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דִי יֶערְלִיכֶע אַנְשֵׁי חַיִל קָאמְפֵּיין, דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָארְן הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוּן אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם הָאסְטוּ מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דִי סְכוּם פוּן צְוֵויי טוֹיזְנְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן דָאלֶער, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דִי יָאר זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ זֶע אַז פַארְיָאר הָאסְטוּ נִישְׁט קָאמְפֵּיינְט, אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן; וַוייל אַז דו בִּיסְט אַ חֵלֶק פוּן דִי קְהִילָה - דַארְפְסְטוּ הָאבְּן אַ גֶעפִיל פַאר דִי פְּלַאץ, אוּן אַז דו הָאסְט וֵוייטָאג אוֹיף מַיין הַנְהָלָה, דו הַאלְסְט אַז זֵיי קוּמֶען דִיר גֶעלְט וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זֵיי רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן אַז דו הַאלְסְט אַז אִיךְ קוּם דִיר גֶעלְט - זָאלְסְטוּ מִיר בֶּעטְן; אִיךְ ווִיל נִישְׁט דו זָאלְסְט זַיין מִיט וֵוייטָאג אוֹיף מִיר.

אִיךְ נֶעם זֵייעֶר פֶּערְזֶענְלִיךְ אַז דו הָאסְט פַארְיָאר זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן מַיינֶע גֶעבֶּעטְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

...

## אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פוּן

"אַנְשֵׁי חַיִל", אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי לֶעצְטֶע אַכְט יָאר, אַלֶע קָאמְפֵּיינְס אִינְאֵיינֶעם הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְּן בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קְהִילָה אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן כִּמְעַט זִיבֶּעצְן טוֹיזְנְט דָאלֶער (16,516).

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אִיךְ הָאף אַז דִי יָאר וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן קָאמְפֵּיינֶען, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעלְט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גַאנְץ יָאר גֶעבְּסְטוּ מַעֲשֵׂר אוּן חוֹמֶשׁ, אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער, יֶעצְט וִויל אִיךְ אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ דוּ זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זָאלְסְט יֶעדְן זָאגְן: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר בְּרֶסְלֶב"; אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי תִּיקוּן פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט טוּן מַיין ווִילְן.

...

## חֲתוּנָה מַאכְט דִי קִינְדֶער אָן כַאפְּן הַארְץ אַטַאקֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן זַיין יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער וָואכְן מַיין זוּן ...'ס מְלַמֵּד, מִיר - אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ - הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִיר, אִיךְ פְרֶעג יֶעדְן טָאג מַיין זוּן עֶר זָאל מִיר דֶערְצֵיילְן פוּן חֵדֶר, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן... גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין.

אוֹיךְ דַאנְק אִיךְ דִיר פַארְן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דֶעם עוֹל פוּן הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ חֲתוּנָה מַאכְן בְּחִנָּם דָא אִין שְׁטֶעטְל, דָאס אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאכְן בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְלֶעבְּן דִי יָארְן, חֲתוּנָה מַאכְט דִי קִינְדֶער אָן כַאפְּן הַארְץ אַטַאקֶעס אוּן קְרַאנְק וֶוערְן פוּן וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, כַּיָּדוּעַ וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן שִׂמְחוֹת מִיט שִׂמְחָה, מֶען קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶערְ'ס חֲתוּנוֹת מִיט שְׁוֶוערֶע הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער חוֹבוֹת.

אוֹיךְ מַאךְ אִיךְ זִיךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי לֶעצְטֶע אַכְט יָאר קָאמְפֵּיינְס, הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן שַׁאפְן צְדָקָה גֶעלְט אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם גֶעבְּרֶענְגְט דִי

סְכוּם פוּן נַיין טוֹיזְנְט פִינְף הוּנְדֶערְט אֵיין אוּן זֶעכְצִיג דָאלֶער, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אוּן אִיךְ הָאף אַז אוֹיךְ דִי יָאר וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן שַׁאפְן גֶעלְט אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי צְוֶועק.

...

### וָואס דַארְפְסְטוּ אַן אָפִּיס אָן בְּרָכוֹת?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וְכוּ׳; דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כג, טו): ״וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ״, דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא עֶרְוָה - ׳וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ׳, גֵייט דִי שְׁכִינָה אַוֶועק; אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אוּן קַיין הַצְלָחָה, אִיז אֲפִילוּ דִי וַוייבְּל אִיז אַ גוּטֶע אַרְבֶּעטֶער, אָבֶּער אַז זִי קוּמְט אוֹיסְגֶעטוּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זִי קוּמְט מִיט בִּגְדֵי פְּרִיצוּת - אִיז דָארְט נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה, אִיז וָואס דַארְפְסְטוּ אַן אָפִּיס אָן בְּרָכוֹת; אִיז זִיכֶער אִיר זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט אַז זִי קֶען וַוייטֶער בְּלַייבְּן, אָבֶּער זִי דַארְף קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין, סַיי אִיר מְשַׁכְנֵעַ זַיין צוּ גֵיין אֵיידְל, אוּן סַיי עֶס זָאל זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מַאךְ אִיךְ אַ קַאמְפֵּיין אַז דִי גַאנְצֶע קְהִילָה זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי קְהִילָה, אִיךְ מַאךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי לֶעצְטֶע אַכְט יָאר, אַלֶע קַאמְפֵּיינְס אִינְאֵיינֶעם הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן בְּרֶענְגֶען פַאר דִי קְהִילָה אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט נַיין הוּנְדֶערְט אוּן צְוֶועלֶעף דָאלֶער, אִיךְ הָאף אַז דִי יָאר וֶועסְטוּ מִיר אוֹיךְ הֶעלְפְן, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר.

...

## זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן צוּ קָאמְפֵּיינֶען פַאר דִי קְהִילָה אוּן מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**בְּנִי הָרַב ... שְׁלִיטָ״א**

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס נַחַת פוּן דִיר אוּן פוּן דַיין אֵיידֶעלֶע וַוייבּ מִיט דַיינֶע זִיסֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מַאךְ אִיךְ דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פוּן ״אַנְשֵׁי חַיִל״, אִיךְ מַאךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי אַלֶע קָאמְפֵּיינְס אִינְאֵיינֶעם, הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן בְּרֶענְגֶען צְדָקָה פַאר דִי קְהִילָה אוּן מוֹסְדוֹת אַכְט טוֹיזְנְט פִיר הוּנְדֶערְט אוּן נַיין דָאלֶער, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר, אוֹיךְ דִי יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְשְׁלִיסְן צוּ קָאמְפֵּיינֶען אוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי קְהִילָה אוּן מוֹסְדוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אַ גַאנְץ יָאר מִיט דַיין פְּרִיוַואטֶע צְדָקָה קַאסֶע צוּ הֶעלְפְן מִשְׁפָּחוֹת הַנִּצְרָכִים אִין דִי קְהִילָה, בִּפְרַט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַלּוֹמְדִים מִתּוֹךְ הַדְּחַק.

...

## עוֹדְךְ אַ קָאמְפֵּיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיינֶע בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ זֵיי זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ זֶע ווִי זֵיי וֶוערְן מֶער אוּן מֶער לִיכְטִיג בַּתּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם; גֶעבּ זֵיי אִיבֶּער, זָאלְן זֵיי ווִיסְן אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי לִיבּ.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן דִי יָאר, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, מַאךְ אִיךְ עוֹדְךְ אַ קָאמְפֵּיין, אִיךְ ווֵייס אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן גֶעדוּלְד פַאר דֶעם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּרֵירוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט חוֹבוֹת פַאר דִי קְהִילָה אוּן מוֹסְדוֹת, אוּן אִיךְ דַארְף דָאס בַּאצָאלְן.

אִיךְ זֶע אַז דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן, דוּרְכְאוֹיס דִי אַכְט קָאמְפֵּיינְס וָואס אִיז

גֶעוֶוען, הָאסְטוּ גֶעבְּרֶענְגְט צְדָקָה גֶעלְט דִי שֵׁיינֶע סְכוּם פוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט אַכְט הוּנְדֶערְט צְוֵויי אוּן אַכְצִיג דָאלֶער, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר אַז אוֹיךְ דִי יָאר זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן.

...

## קָאמְפֵּיין מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל, נִישְׁט אַבִי יוֹצֵא צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְטְרִיאַל קַאנַאדֶע**

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הֲפָצָה, רַק הֲפָצָה, כָּל הַיּוֹם הֲפָצָה, וְעוֹד מְעַט הֲפָצָה; דָאס אִיז דַיין תִּיקּוּן בָּזֶה וּבַבָּא.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מַאךְ אִיךְ דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פוּן "אַנְשֵׁי חַיִל", אִיךְ מַאךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן, אִיךְ זֶע אַז דִי לֶעצְטֶע פִינְף יָאר הָאסְטוּ קָאמְפֵּיינְט אוּן גֶעהָאלְפְן מִיר בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת אוּן קְהִילָה, אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם הָאסְטוּ גֶעבְּרֶענְגְט אַכְט טוֹיזְנְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן זֶעכְצִיג דָאלֶער, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז דִי יָאר זָאלְסְטוּ אוֹיךְ קָאמְפֵּיינֶען, אָבֶער נִישְׁט אַבִי יוֹצֵא צוּ זַיין, נָאר מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ אוּן גֶעפִיל.

...

## הֶעלְף מִיךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶרְשְׁטְנְס דַאנְק אִיךְ דִיר פַאר זַיין מַיין זוּן ...׳ס מְלַמֵּד יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער וָואכְן, מַיין זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר קוּמְט אַהֵיים אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר דֶערְצֵיילְט אַזוֹיפִיל פוּן חֶדֶר, אִיךְ זֶע אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מַאךְ אִיךְ דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פוּן

"אַנְשֵׁי חַיִל", אִיךְ מַאךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי לֶעצְטֶע זִיבְּן יָאר וָואס דוּ טוּסְט קָאמְפֵּיינֶען, הָאסְטוּ מִיר גֶעהָאלְפְן בְּרֶענְגֶען צְדָקָה פַאר דִי קְהִילָה אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן אַכְט טוֹיזְנְט פִיר הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן פֶערְצִיג דָאלֶער, אִיךְ דַאנְק דִיךְ זֵייעֶר דֶערְפַאר, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: אָנָּא! הֶעלְף מִיךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, גֵיי נָאךְ גֶעלְט מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ, דִי חוֹבוֹת זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע, דָאס אִיז חוֹבוֹת פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קְהִילָה אוּן דִי מוֹסְדוֹת.

נָאכְאַמָאל, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר זַיין אַזַא גוּטֶער מְלַמֵּד.

...

## דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי בַּיים גְמָרָא שִׁיעוּר, דַיין זְכוּת אִיז גְרוֹיס.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מַאךְ אִיךְ אַ קָאמְפֵּיין פַאר דִי קְהִילָה אוּן מוֹסְדוֹת, אִיךְ מַאךְ דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי לֶעצְטֶע זֶעקְס יָאר וָואס דוּ טוּסְט קָאמְפֵּיינֶען, זֶע אִיךְ אַז דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער (9,045), אִיךְ הָאף אַז אוֹיךְ דִי יָאר וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, מִיךְ הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט מַיינֶע חוֹבוֹת, עֶס אִיז חוֹבוֹת פוּן דִי קְהִילָה אוּן מוֹסְדוֹת.

...

## עֶס אִיז עֶנְקֶערֶע חוֹבוֹת צוּ בּוֹיעֶן דִי שֵׁיינֶע קְהִילָה מִיט דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף, אִיךְ מַאךְ דִי יָאר נָאכְאַמָאל אַ קָאמְפֵּיין פַאר

אונְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, אִיךְ בֶּעט דִיר אַז אוֹיךְ דִי יָאר זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן, אָבֶער נִישְׁט אַבִּי יוֹצֵא צוּ זַיין, נָאר מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ.

דִי לֶעצְטֶע אַכְט יָאר הָאסְטוּ זֵייעֶר שֵׁיין גֶעבְּרֶענְגְט, דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת זֶענֶען אַז דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט אִיבֶּער דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער (31,375), דָאס אִיז נָאר פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוֹיסֶער דֶעם וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר אַ גַאנְץ יָאר וֶוען עֶס פֶּעלְט נָאר אוֹיס, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן אוּן אוֹיךְ אָנְוָוארֶעמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל אִיךְ קֶען זָאגְן מִיט אַ רֵיינֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁט מַיינֶע חוֹבוֹת, עֶס אִיז עֶנְקֶערֶע חוֹבוֹת צוּ בּוֹיעֶן דִי שֵׁיינֶע קְהִילָה מִיט דִי מוֹסְדוֹת.

...

## אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל דָאס שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעשְׁמַאקֶע וַוארֶעמֶע פְּלֶעי גְרוּפּ, מַיין טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳ אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן, אוּן בְּעִיקָר אִיז מַיין וַוייבּ צוּפְרִידְן, מִיר זֶענֶען דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוֹיף דֶעם, אוּן בִּיטֶע אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע דַאנְק.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פַּרְשַׁת רְאֵה מַאךְ אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי יֶערְלִיכֶע אַנְשֵׁי חַיִל קָאמְפֵּיין, אִיךְ קוּק צוּרִיק דִי לֶעצְטֶע זִיבְּן יָאר הָאסְטוּ מִיר זֵייעֶר וַוארֶעם גֶעהָאלְפְן קָאמְפֵּיינֶען, אַז אִיךְ רֶעכְן זֵיי צַאם קוּמְט אוֹיס אַז דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט דִי הֶערְלִיכֶע סְכוּם פוּן זֶעכְצְן טוֹיזְנְט פִינְף הוּנְדֶערְט אֵיין אוּן פוּפְצִיג דָאלֶער, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, אוּן אִיךְ וֶועל דָאס שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען, אוּן אִיךְ הָאף אַז אוֹיךְ דִי יָאר וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן קָאמְפֵּיינֶען בְּכָל לֵב וָנֶפֶשׁ, מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם רֶבִּינ׳ס זַאךְ אוּן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

...

## אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא און אַבִּיסְל חִיזוּק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ פַארְיָאר זוּמֶער וְוען דוּ פְלֶעגְסְט קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי צוּם גְמָרָא שִׁיעוּר, הַלְוַואי זָאלְסְטוּ קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא און אַבִּיסְל חִיזוּק פוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מַאךְ אִיךְ דִי יֶערְלִיכֶע קָאמְפֵּיין פוּן ״אַנְשֵׁי חַיִל״, אִיךְ גֵיי אִיבֶּער דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת, אִיךְ זֶע אַז דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי יָאר הָאסְטוּ קָאמְפֵּיינְט און גֶעבְּרֶענְגְט צְדָקָה גֶעלְט פַאר דִי קְהִילָה דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן אַכְט טוֹיזְנְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט אֵיין און זִיבֶּעצִיג דָאלֶער, אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, און אִיךְ הָאף אַז אוֹיךְ דִי יָאר וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן קָאמְפֵּיינֶען, מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת, דִי חוֹבוֹת זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע, דָאס זֶענֶען פוּן דִי קְהִילָה און דִי מוֹסְדוֹת.

...

## אַזַא פְרֵיילִיכֶע זוּמֶער פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

קוֹדֶם כָּל קוּם אִיךְ דִיר אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא פְרֵיילִיכֶע זוּמֶער פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, מַיינֶע קִינְדֶער ... און .. נֵרָם יָאִיר קוּמֶען אַהֵיים אַזוֹי פְרֵיילִיךְ און צוּפְרִידְן, פִיל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, פִיל מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת; גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין, און דוּ זָאלְסְט הָאבְן כֹּחַ צוּ קֶענֶען טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי תַּלְמִידִים, מֶער און מֶער.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מַאךְ אִיךְ אַ קָאמְפֵּיין פַאר דִי קְהִילָה און מוֹסְדוֹת, אִיךְ זֶע אַז אִין דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָארְן הָאסְטוּ אוֹיךְ קָאמְפֵּיינְט און דוּ הָאסְט צַאמְגֶענוּמֶען צְדָקָה גֶעלְט, און אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז דִי סְכוּם פִינְף טוֹיזְנְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט און צְוֵויי דָאלֶער.

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, און אִיךְ הָאף אַז אוֹיךְ דִי יָאר וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, און אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער און נִישְׁט אַזוֹי זִיס - וֶועסְטוּ מִיר הֶעלְפְן, נִישְׁט נָאר יוֹצֵא צוּ זַיין, מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם רֶבִּינְ'ס מוֹסְדוֹת וָואס מַאכְט לִיכְטִיג דִי וֶועלְט.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען שְׁרֵייט צוּ אִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר וֵוייסְן פוּן דִי עֵצוֹת, שֵׂכֶל און חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאפְן און דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט פַאלְן; מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל עֶר זָאל אוּנְז מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, און אֲפִילוּ מֶען זֶעט ווִי מֶען הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עַד אֵין לְשַׁעַר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען שְׁרֵייט צוּ אִים.

אַמָאל אִיז מוֹהַרְנַ"ת גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט און דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שב): "דֶער עִיקָר אִיז 'מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי'"; דָאס וָואס שְׁטֵייט בַּיי יוֹנָה הַנָּבִיא (יוֹנָה ב, ג), ווִי עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען דִי פִישׁ הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען; אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען בַּיים יֵצֶר הָרָע, מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, הֶעלְף מִיר! אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**; מוֹהַרְנַ"ת הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער און גֶעזָאגְט אַז דִי שִׂיחָה אִיז גָאר חָשׁוּב און גָאר ווִיכְטִיג, ווַייל אַמָאל שְׁפִּירְט מֶען אַזוֹי ווַייט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז אִין דִי בֶּטֶן הַקְלִפּוֹת; זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיךְ פוּן דָארְט הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און עֶס אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר דִי יָאר אוֹיךְ הֶעלְפְן בַּיים קָאמְפֵּיין, אִיךְ נֶעם דָאס זֵייעֶר פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ ווִיל יֶעדֶער אָן אוֹיסְנָאם זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווֶעסְט הֶעלְפְן בַּיים קָאמְפֵּיין, אָדֶער זוּכְן תֵּירוּצִים?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת עֵקֶב, י״ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פוּן הַיינְט זֶעקְס ווָאכְן פָּארְן מִיר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זַיין אִין אוּמַאן. אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט אִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע בִּלְבּוּלִים, ווַייל אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תג): ״הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל״, זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, אוּן אִיךְ ווָאוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים ווָאס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַּארְווָאס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! ״כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה״, ווַייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן ווָאס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן ווֶער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

גֵיי אַרִיבֶּער אַלֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ אוּן אַלֶע קוּשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳; ווֶען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן דִי אַלֶע קַשְׁיוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תו): ״ווֶעט זַיין נָאךְ אַ קַשְׁיָא״, עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע קַשְׁיָא אוּן נִישְׁט דִי לֶעצְטֶע קַשְׁיָא, יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ אוּן יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט קַשְׁיוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין בַּיינַאכְט מִיט חֲבֵרִים; הָאסְט אֵיין חַבֵר, דָאס אִיז דַיין ווַייבּ. בַּיינַאכְט נָאךְ מַעֲרִיב גֵיי אַהֵיים, עַל פִּי רוֹב דִי ווָאס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּיינַאכְט אִין גַאס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אָן קֵיין שְׁטוּב, מֶענְטְשְׁן ווָאס

הָאבְּן נִישְׁט קַיין מִשְׁפָּחָה, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער - דַארְפְסְטוּ אַהֵיים גֵיין, מַאךְ זִיךְ אַ קַבָּלָה טוֹבָה נָאךְ תְּפִלַּת מַעֲרִיב נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם נָאר מִיט דַיין וַוייבּ.

אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בַּיים קָאמְפֵּיין הֶעלְפְן אָדֶער דוּ וֶועסְט זוּכְן תֵּירוּצִים? אִיךְ ווִיל אַז אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט, רוּפְן בַּאקַאנְטֶע, מִשְׁפָּחָה; נִישְׁט אַבִּי יוֹצֵא צוּ זַיין, נָאר מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ.

דִי חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ - אִיז נִישְׁט מַיינֶע, אִיךְ זָאג דִיר מִיט אַן אֱמֶת, דָאס אִיז נִישְׁט מַיינֶע, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעבָּארְגְט נָאר פַאר דִי קְהִלָּה; קֶענְסְטוּ נִישְׁט שְׁטֵיין אִין דֶער זַייט...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, צוּלֵייגְן נָאךְ שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת עֵקֶב, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג, אַ יוֹם טוֹב; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף דֶעם טָאג (תַּעֲנִית כו:): "לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וּכְיוֹם הַכִּפּוּרִים", עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע טֶעג בַּיי אִידְן ווִי יוֹם כִּיפּוּר אוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם לא.): "מִכַּאן וְאֵילָךְ דְּמוֹסִיף יוֹסִיף", דֶער וָואס הֵייבְּט אָן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב צוּ לֶערְנֶען מֶער פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶער תּוֹרָה - וֶועט לֶעבְן לַאנְג.

יָארְן צוּרִיק, שְׁנַת תשע"א, הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, פְּלָאֵי פְלָאִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען קַיין אֵיין שִׁידוּךְ אִין יְשִׁיבָה, דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען וָואס מֶען הָאט גֶעלֵייגְט אוֹיף אוּנְז אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא"שׁ אֶפְשָׁר קֶענֶען מִיר זוֹכֶה זַיין אַז מוֹהֲרָא"שׁ זָאל קוּמֶען אִין קֶעמְפּ צוּ דִי בָּחוּרִים אוּנְז מְחַזֵּק

זַיין, (יֶענֶעם זוּמֶער אִיז מוֹהֲרָא"שׁ נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן); אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אִינֶעם בְּרִיוו אֶפְשָׁר קֶען מוֹהֲרָא"שׁ קוּמֶען אוּן אִיבֶּער לָאזְן בְּרָכוֹת פַאר דִי בָּחוּרִים, עֶס זָאל זַיין שִׁידוּכִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין דִי אִידִישֶׁע אֲשֶׁר בַּנַּחַל (חֵלֶק ג, מִכְתָּב שטז), וואו מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב אוּן בְּרֶענְגֶען שִׁידוּכִים".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אַז יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זָאגְט עֶר צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ; אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה... אַלֶע בָּחוּרִים הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא, אוּן יֶעדֶע יָאר טוּעֶן דָאס דִי תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, וֶוער עֶס וִויל אַ שִׁידוּךְ הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, מֶען עֶנְדִיגְט דִי מַסֶּכְתָּא יֶעדְן טָאג. עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט בְּעֶרֶךְ דְרֵיי שָׁעָה. עֶס אִיז גֶעוֶוען יָארְן וָואס אִיךְ פְלֶעג מִיט לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן מִיט בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

פוּן הַיינְט, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, דַארְף מֶען צוּלֵייגְן נָאךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר זָאל זַיין:

מִקְרָא; לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, טֵייל אֵיין דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף וָואךְ עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם. וַוארְט נִישְׁט בִּיז פְרֵייטָאג, עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דִי מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח), פוּנֶעם גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז

שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי און אַזוֹי וַוייטֶער; אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

דִי צְוֵוייטֶער שִׁיעוּר זָאל זַיין מִשְׁנָה; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, הֵייבּ אָן פוּן אָנְהֵייבּ, פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, לֶערְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, און אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן סֵדֶר זְרָעִים, און וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן סֵדֶר זְרָעִים זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ סֵדֶר מוֹעֵד, בִּיז דוּ וֶועסְט אַרִיבֶּער גֵיין גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; הֵייבּ אָן שַׁ"ס כְּסִדְרָן און לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, און אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן וַוייטֶער דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ווייל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְמִשַׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט, און אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת סג.): "לִיגְמַר אִינִישׁ וְהָדַר לִיסְבַּר", קוֹדֶם דַארְף מֶען אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, און נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען שׁוֹין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה; סַיי אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַגְּדוֹלִים מִיט דִי מָגִנֵּי אֶרֶץ, און סַיי אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים, דָאס מֵיינְט אַ שִׁיעוּר נָאר מְחַבֵּר רְמָ"א, און אוֹיךְ אַ שִׁיעוּר אִין קִצּוּרִים, צוּ ווִיסְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ בִּין טָרוּד אִין דִי טֶעג מִיט כַּמָּה עִנְיָנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוּיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י"ב מְנַחֵם אָב ה׳תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל מִיט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳ס הִילְף זַיין מָאנְטָאג חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בַּיי עֶנְק, דֶעם טָאג זָאגְן דִי חַזַ"ל אִיז אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב, (תַּעֲנִית כו:) אָמַר רַבָּן שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל לֹא הָיוּ יָמִים טוֹבִים לְיִשְׂרָאֵל כַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב וְכוּ׳, אוּן דֶער טָאג אִיז אוֹיכֶעט מְסוּגָל פַאר שִׁידוּכִים, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַלֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע זִיווּגִים, מֶען דַארְף זֵיי צוּגֶעוואוֹינֶען זֵיי זָאלְן זָאגְן דִי תְּפִילּוֹת פוּן דֶעם קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִּיווּג", אוּן אוֹיכֶעט פָּרָשַׁת הַנְּשִׂיאִים פֶערְצִיג טֶעג, וֶועט יֶעדֶער אֵיינֶער טְרֶעפְן זַיין זִיווּג, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פט) דָאס דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת עֶר אִיז דֶער שַׁדְכָן. זָאלְסְט ווִיסְן אַ בָּחוּר דַארְף הָאבְּן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַלֶעמֶען, ווִי בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ בָּחוּר הָאט עֶר גֶעזָאגְט קוֹדֶם זָאלְסְטוּ גֵיין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ע"ב:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים י"ט) "יִרְאַת הַוַיָ"ה טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד" אָמַר רֶבִּי חֲנִינָא, זֶה הַלּוֹמֵד תּוֹרָה בְּטָהֳרָה מַאי הִיא? נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְאַחַר כַּךְ לוֹמֵד תּוֹרָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן זָאלְסְט רֶעדְן מִיט דִי בָּחוּרִים זֵייעֶר אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן מ"ד) אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה קוּמְט מֶען צוּ דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פ"ט) "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" דָאס וָואס מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה דָאס אִיז אַלֵיין אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זַיין דֶער שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִי כָּל אֶחָד וְאֶחָד, אוּן דָאס אִיז דֶער טְרֵייסְט וָואס דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה טְרֵייסְט אוּנְז דֶעם וָואךְ, נָאכְן חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (יְשַׁעְיָה מ׳) "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם", "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" טְרֵייסְט זִיךְ טְרֵייסְט זִיךְ מַיין פָאלְק, ווִי אַזוֹי? "יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם" אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ (שָׁם) "וְנִגְלָה כְּבוֹד הַוַיָ"ה וְרָאוּ כָל בָּשָׂר יַחְדָּו כִּי פִּי הַוַיָ"ה דִּבֵּר" עֶס זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דֶעם כָּבוֹד פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען זָאל שְׁפִּירְן אַז

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אַלֶע צוּזַאמֶען זָאלְן זֶעהְן גֶעטְלִיכְקֵייט, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט מַיין מוֹיל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער טְרֵייסְט, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז בַּיי אִים גֶעבּוֹיעֶט דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ, עֶר הָאט אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה, אוּן עֶר הָאט שְׁלֵימוּת הַדַעַת וָואס אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת לג.) כָּל אָדָם שֶׁיֵשׁ בּוֹ דֵעָה כְּאִילוּ נִבְנֶה בֵּית הַמִקְדָשׁ בְּיָמָיו; וָוארוּם דֶער עִיקֶר אִיז נָאר דַעַת שֵׂכֶל, וָואס דָאס מֵיינְט מַכִּיר זַיין, דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים ד׳) "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי הַוַיָ"ה הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְבַדוֹ" אוּן וִויפֶער עֶס אִיז בַּיים מֶענְטְשׁ בָּרוּר אַז סְ׳אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען דַארְף נָאר רֶעדְן צוּ אִים, עֶר הַאלְט בַּיי שְׁלֵימוּת הַדַעַת, זַאנְס דִי יְדִיעָה אִיז אַלֶעס אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וָוארוּם דֶער עִיקֶר אִיז אֱמוּנָה הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ה׳), אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג נָאכְזוּכְן וִוי מֶען הַאלְט אִין דִי אֱמוּנָה, וָוארוּם סְ׳אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי לַיידְן פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת וְחַלָאִים רָעִים אוּן אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ מֵחֲמַת חִסָרוֹן אֱמוּנָה, בִּפְרַט נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶערְוֶועז וְכוּ׳ עֶר טוּט מְשׁוּגָע׳נֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ׳, עֶר מֵיינְט מִיט דֶעם וֶועט עֶר כַאפְּן מַלְאָכִים וְכוּ׳, דָאס אַלֶעס בַּאלַאנְגְט צוּ אַ נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ"ו) אַז מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶער זַאנְס, דָאס הֵייסְט אָן אֱמוּנָה, מוּז מֶען טוּהְן עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת וְכוּ׳ עַיֵין שָׁם. מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ מֶענְטְשׁ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמוּנָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן מ"ד) אַז אַלֶע חָכְמוֹת וָואס אִיז דָא בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי ווִילְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז נִישְׁט מֶער וִוי דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁטוּתִים אוּן גְרוֹיסֶע בִּלְבּוּלִים, אוּן דָאס וַוארְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַרָאפּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיג.

אַז וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ קֶענְסְט אַרַיינְשַׁיינֶען אִין בָּחוּרִים יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער עִיקֶר הַתְמָדָה בְּלִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין

גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, וְוִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד׳ הֲלָכָה ח׳) כֵּיוָן שֶׁקִּיבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז״ל הָאט גֶעזָאגְט אַז צוּ הֶעלְפְן אַ בַּעַל בְּחִירָה, דָאס אִיז דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער זַאךְ, אָט רֶעדְסְטוּ מִיט אִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶענוּמֶען דַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן אָט קוּמְט עֶפֶּעס אַ לוּיזִיגְן פַּארֶעךְ וְכוּ׳ אוּן שְׁלֶעפְּט אִים אַוֶועק וְכוּ׳, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קל״ג) מֶען קֶען מְגַלֶּה זַיין אַ מֶענְטְשׁ גֶעטְלִיכְקֵייט, בִּיז עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיז הוֹילֶע אֱלֹקוּת, בִּיז עֶס קוּמְט אַ לוּיזִיגְן פַּארֶעךְ אוּן מַאכְט מִיט זַיין קְלֵיינֶע הֶענְטִיל אֶע וְכוּ׳, אוּן דֶער נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין נַארִישְׁקֵייט, וָואס דָאס אִיז דֶער כֹּחַ הַבְּחִירָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן מִיט בָּחוּרִים אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זֵיי מְעוֹרֵר זַיין נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן, וָוארוּם דָאס בְּרֶענְגְט דִי בִּיטֶערֶע מַחְלָה קֶענְסֶער אוֹיף דִי לִינְגֶען וְכוּ׳, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, זָאלְסְט זֶעהְן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי בָּחוּרִים אַ גַאנְצְן שַׁבָּת, וָוארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית) כְּבוֹד שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיתִים; אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וְוִי מֶען הָאט גֶעפַאסְט טוֹיזֶענְט טֶעג, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז אַ גַאנְצְן שַׁבָּת נָאר פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, וְוִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ מוֹחֲלִין לוֹ; אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן שַׁבָּת.

זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת.

[...

## שַׁבָּת דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ, לוּפְטִיג אוּן גֶעשְׁמַאק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף

זַיין פְרֵיילִיךְ און אויף גֶעבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער; הָאסְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, יֶעצְט שַׁבָּת קֶענְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה אָנְגֶעצוֹיגְן וְכוּ׳, בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ, לוּפְטִיג און גֶעשְׁמַאק.

וֶוען דוּ זָאגְסְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי דִי סְעוּדָה דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר (פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, פח.): "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ" - זָאלְסְטוּ אוֹיפְכַאפְּן ווִי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תְּנָאִים, דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי - הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת, שְׁטֵייט בַּיי אַלֶעמֶען נָאר אֵיין זַאךְ: "וַהֲוָה חַדֵי בְּכָל חַד וְחַד", זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט בַּיי יֶעדֶע סְעוּדָה, עַיֵּין שָׁם.

מַאךְ דִי סְעוּדוֹת מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת, טוּ נִישְׁט אוֹיס דַיין בֶּעקִיטְשֶׁע מִיט דִי שְׁטְרַיימְל בַּיי דִי סְעוּדוֹת. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת, (עֶס בַּאדֶערְט מִיךְ אַז אִינְגֶעלַייט קוּמֶען אִין שׁוּל אָן דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי נִישְׁט אַרָאפְּקוּמֶען דִי לַאנְגֶע וָועג נָאר בְּלַייבְּן דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל נֶעבְּן זֵייעֶר שְׁטוּבּ מִיט בִּגְדֵי שַׁבָּת ווִי אֵיידֶער אַרָאפְּקוּמֶען צוּ מִיר אָנֶעם שְׁטְרַיימְל).

גֶעדֶענְק צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, שַׁבָּת דַארְף מֶען גֶעבְּן דָאפְּלְטֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקוּן כא, דַף נז.) אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען מְפַיֵּיס זַיין דָאפְּלְט ווִי אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

וֶוען מֶען דַאוֶוענְט און דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צִיט אוֹיס דִי שְׁטִיקְלֶעךְ, עֶר חַזָּן'ט און גָארְגְלְט זִיךְ - זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי סֶעקוּנְדֶעס און מִינוּטְן זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין; עֶרְשְׁט זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי פָארִיגֶע וָואךְ, אוֹיף יֶעדְן טָאג, און אַז עֶס בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, אַז אַלֶעס זָאל זַיין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אוֹיךְ בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן, וֶוען מֶען עֶפְנְט דֶעם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם טַלִּית און בֶּעט אַלֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, אַלֶעס וָואס דְרִיקְט פְּרִיוַואט; ווַייל וֶוען מֶען מַאכְט פְּתִיחַת הָאָרוֹן עֶפֶענֶען זִיךְ דִי טוֹיעֶרְן אִין הִימְל, עֶס אִיז אַן עֵת רָצוֹן צוּ פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# מהדורת פערל

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **אליהו פערל** הי"ו

וזוגתו **רייזל** תחי'

וילדיהם

**אדל, רבקה, נחמן נתן, מרים**

לרגל הולדת בתם למזל טוב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון